# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
ר' אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

סוכות

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכענטלעך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבען

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
© 2026 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## סוכות


הבינו ואדעה עדותיך - מאכן די ריכטיגע הכנה צום יום טוב.......................... ה

הלוי והגר והיתום והאלמנה - זיך גרייטן צום יו"ט דורך טוהן חסד .......... ט

למען ידעו דורותיכם - עיקר מצות סוכה איז אַריינצובערענגען אמונה ........ יד

צילא דמהימנותא - די גרויסע קדושה פון די הייליגע סוכה ...................... יט

זמן שמחתנו - דער אויבערשטער וויל אַז מיר זאָלן זיין פריילעך ............... כג

והיית אך שמח - ווי אַזוי צו קענען זיין בשמחה .......................... כה

האוחז ביד - אויף די ד' מינים, האָט קיין שום שר אין הימל נישט אַ שליטה .......... כז

כנגד האברים - אונטערטעניגן דאָס האַרץ פאַר'ן באַשעפער ......................... כט


## הושענא רבא


לעת חיתום - די 'קוויטלעך' ווערן איבערגעגעבן אין הושענא רבא ................ לב

בשפוון תליא - מיר האָבן אין דעם טאָג די כוחות צו שרייען 'טאַטע'!............ לד


## שמיני עצרת ושמחת תורה


עכבו יום אחד - אַלע ימים טובים 'דרייען' זיך אַרום שמיני עצרת .................... לט

עננו ביום קראנו - אין דעם טאָג פסק'ענט מען אָפּ די פרנסה פאַר יעדעם ............ מ

שישו ושמחו - טאַנצן מיט אַלע כוחות לכבוד די שמחה פון די תורה הק' ........... מא

תחילתה וסופה חסד - דער עיקר פון שמנ"ע און שמחת תורה איז שלום................ מד



סדר ועימוד: א.י.ש. אשדוד

ספה"ק בת עין

**וְנִרְאֶה לוֹמַר עַל דֶּרֶךְ זֶה** מען קען זאגען פשט אויף די וועג, **דְּהִנֵּה כְּשֶׁמִּתְעוֹרֵר חֶסֶד עֶלְיוֹן יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** דאס מיינט אז ווען ס'ווערט אויפגעוועקט די חסד פון השי"ת, **אָז הַחֶסֶד בְּעַצְמוֹ מְלַמֵּד זְכוּת עַל כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל** איז דעמאלסט די מידת החסד אליין מלמד זכות אויף די יודען. **וּמָה הוּא הַלִּימּוּד זְכוּת** און וואס איז די לימוד זכות? **שֶׁנּוֹשֵׂא עָוֹן** אז די מידת החסד טראגט און נעמט אויף זיך אליין די זינד, **הַיְינוּ שֶׁשֵּׁם אֵ"ל שֶׁהוּא בְּחִינַת חֶסֶד עֶלְיוֹן כִּבְיָכוֹל** דאס מיינט אז די שם א"ל וואס דאס איז די שם פון מידת החסד פון דער באשעפער כביכול, **נוֹשֵׂא עֲוֹנוֹתֵיהֶן שֶׁל יִשְׂרָאֵל לְעַצְמוֹ** נעמט אויף זיך אליין די שולד פון די זינד פון די יודען, **הַיְינוּ כִּבְיָכוֹל אֲנִי חַיָּיב בְּדָבָר זֶה שֶׁכְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל עוֹשִׂים עֲוֹנוֹת חַס וְשָׁלוֹם** אזוי ווי איך כביכול (די מידת החסד) איז שולדיג אין די זאך וואס כנסת ישראל טוט חס ושלום די עבירות, **שֶׁאִלּוּ לֹא הָיָה לָהֶם צָרוֹת הַלָּלוּ** ווייל אויב זיי וואלטען נישט געהאט די צרות, **בְּוַדַּאי הָיוּ עוֹשִׂים רְצוֹנִי בֶּאֱמֶת** וואלטן זיי זיכער געמאכט מיין ווילען באמת. **וְאִלּוּ הָיָה לָהֶם פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח** און אויב זיי וואלטן געהאט ברייט פרנסה, **וְלֹא יִהְיוּ מְחוּסְּרֵי פַּרְנָסָה כְּמוֹ עַתָּה** און ס'וואלט זיי נישט געפעלט קיין פרנסה אזוי ווי עס פעלט זיי יעצט, **בְּוַדַּאי הָיָה לָהֶם פְּנַאי יוֹתֵר לַעֲשׂוֹת רְצוֹנִי** וואלטן זיי אוודאי געהאט מער צייט צו טאהן מיין ווילען. **וְאִלּוּ לֹא הָיָה לָהֶם בְּחִינַת הַסְתָּרָה כָּזוֹ** און אויב זיי וואלטן נישט געהאט אזא 'הסתרה' (א פארשטעלטקייט פון צו זעהן די גרויסקייט פון דעם באשעפער), **וְהָיוּ יְכוֹלִים לְהִסְתַּכֵּל בִּיקָרָא דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** און זיי וואלטן געקענט קוקען און זעהן די גרויסקייט פונעם באשעפער, **בְּוַדַּאי הָיוּ מִשְׁתּוֹקְקִים וְנִכְסָפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשָׁם לַה' עַד כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ מַמָּשׁ** וואלטן זיי אוודאי געבענקט און געגלוסט און זייער זעהל וואלט ממש אויסגעגאנגען צום באשעפער.

**וְהִנֵּה עַתָּה בְּחַג הַסּוּכּוֹת מִתְעוֹרֵר הַחֶסֶד עֶלְיוֹן יִתְבָּרַךְ** און יעצט אין די יום טוב סוכות ווערט אויפגעוועקט די מידת החסד פון השי"ת, **כְּמוֹ דְּאִיתָא בַּכְּתָבִים** (פרי עץ חיים שער חג הסוכות פ"א) אזוי ווי עס שטייט אין די כתבי האר"י, **וְשֵׁם אֵ"ל שֶׁהוּא חֶסֶד עֶלְיוֹן כִּבְיָכוֹל הוּא נוֹשֵׂא עָוֹן לְעַצְמוֹ** און די שם א"ל וואס דאס איז די מידה פון חסד נעמט דעמאלסט אויף זיך די זינד. **וְזֶהוּ 'וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן'** און דאס מיינט די גמרא מיטן דרש'ענען די פסוק 'מען זאל נעמען די ערשטע טאג', **וּפָרִיךְ הַגְּמָרָא** און פרעגט די גמרא, **לָמָּה נִקְרָא רִאשׁוֹן וַהֲלֹא ט"ו הוּא** פארוואס ווערט עס אנגערופען די ערשטע טאג - ס'איז דאך די פופצענטע טאג אין חודש, **וּמְתָרֵץ הַגְּמָרָא שֶׁלְּכָךְ נִקְרָא יוֹם רִאשׁוֹן** און די גמרא ענטפערט אז דערפאר ווערט עס אנגערופען די ערשטע טאג, **שֶׁמְּרַמֵּז** צו מרמז זיין, **שֶׁבָּזֶה הַיּוֹם הַבּוֹרֵא עוֹלָמִים בָּרוּךְ הוּא כִּבְיָכוֹל נוֹשֵׂא עָוֹן לְעַצְמוֹ** אז אין דעם טאג נעמט די באשעפער אויף זיך די זינד פון די יודען, **עַל יְדֵי שֵׁם אֵ"ל שֶׁהוּא חֶסֶד עֶלְיוֹן** דורך די שם א"ל וואס דאס איז די שם פון מידת החסד. **וְזֶהוּ מְרוּמָּז בְּתֵיבַת רִאשׁוֹן גִּימַטְרִיָּא אֵ"ל עֲוֹנֹת** און דאס איז מרומז אין דיווארט 'ראשון' וואס איז בגמטריא 'א"ל עונת' , **הַיְינוּ שֶׁשֵּׁם אֵ"ל נוֹשֵׂא עֲוֹנוֹת כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל לְעַצְמוֹ כִּבְיָכוֹל** דאס מיינט אז די שם א"ל נעמט אויף זיך כביכול די זינד פון כנסת ישראל.

**וְזֶהוּ מְרוּמָּז בְּתֵירוּץ הַגְּמָרָא** און דאס איז מרומז אין די תירוץ פון די גמרא, **שֶׁלְּכָךְ נִקְרָא רִאשׁוֹן** פארדעם ווערט די ערשטע טאג סוכות אנגערופן 'ראשון' (כאטש ס'איז די פופצענסטע טאג אין חודש), **לְחֶשְׁבּוֹן עֲוֹנוֹת** ווייל די טאג איז די ערשטע טאג צו די חשבון פון די עבירות, **מֵחֲמַת שֶׁבָּזֶה הַיּוֹם נֶחְשָׁב תֵּיבַת עֲוֹנֹת לְשֵׁם אֵ"ל יִתְבָּרַךְ** ווייל אין דעם טאג רעכנט מען צוזאם די גימטריא פון די ווארט 'עונות' צו די שם 'א"ל', **הַיְינוּ שֶׁשֵּׁם אֵ"ל נוֹשֵׂא עָוֹן לְעַצְמוֹ כִּבְיָכוֹל** וואס די גמטריא מיינט אז היינט נעמט די שם א"ל (וואס איז די מידת החסד) אויף זיך צו טראגן און די זינד פון די יודען.

**(דרוש לסוכות ד"ה א"י ולקחתם לכם)**

# סוכות

**הבינונו ואדעה עדותיך** - מאכן די ריכטיגע הכנה צום יום טוב

**מיר** געפינען זיך יעצט אין גאָר גרויסע און דערהויבענע טעג, און מיר דאַרפן זיך מתבונן זיין דערין, אַז אַלע די מצוות וואָס מיר טוהן אין די יעצטיגע טעג זאָלן זיין מיט אַ ברען, און נישט סתם אַבי-געטוהן[א].

**דער** 'מאירי' שרייבט (הקדמה לספרו 'בית הבחירה' על הש"ס), אַז דער מענטש דאַרף זיך מתבונן זיין אין ספּעציעלע טעג, וואָס עס איז די סיבה פון זייער אייגנאַרטיגקייט - ומה היום מיומיים - פאַרוואָס איז היינט אַנדערש פון אַ געווענדליכער טאָג. ווייל אויב דער מענטש קומט אָן צו די דערהויבענע זמנים, ער איז מקיים די מצוות נאָר 'כמצוות אנשים מלומדה', אָן דעם וואָס ער זאָל זיך מתבונן זיין אין דעם תוכן פון די מצוה, דאַן וועט נישט נמשך ווערן אויף אים פון יענע מצוה דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט אין זינען געהאַט מ'זאָל ממשיך

א. ס'איז באַקאַנט אַז דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע האָט אין די טעג צווישן יום כיפור און סוכות, נישט געקענט מצמצם זיין, זיין הייליגן מח אין תורה, צוליב זיין גרויסע השתוקקות און געגועים צום באַשעפער, נאָך דעם ווי מ'האָט זוכה געווען צו טהרה אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור. אין די טעג צווישן יום כיפור און סוכות, האָט דער 'חתם סופר' געמאַכט זיינע 'ניגונים', זמירות ותשבחות פאַר דעם באַשעפער, וואָס איז שפּעטער צוזאַמענגענומען געוואָרן דורך אים און אַריינגעשטעלט געוואָרן אין ספר 'שירת משה'.

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן נאָר פאַר צדיקים ווי דער הייליגער 'חתם סופר', אָבער פשוט'ע מענטשן ווי מיר זענען, דאַרפן זיך כאָטש משתדל זיין נישט מצמצם צו זיין דעם קאָפּ מיט אַנדערע זאַכן... נאָר אין תורה און תפלה.

הרה"ק בעל 'תפארת שלמה' זי"ע האָט געזאָגט בדרך צחות, אַז ווען אידן צאָלן אַ סאַך געלט צו קויפן ארבעה מינים, זענען זיי זוכה צו אַ שנה טובה ומתוקה. דאָס איז דערפאַר, ווייל לוידער, לייגט דער שטן אַרויף אין די ימי הדין אויף דעם וואָגשאָל גאַנצע 'פּעק' מיט אידישע עבירות רח"ל. טענה'ט אָבער דער סניגור: וואָס וויל מען פון אידישע קינדער? דער שטן רעדט דאָך זיי איבער מיט פאַרשידענע איינרעדענישן, און מיט זייער תמימות, האָבן זיי זיך געלאָזט איבעררעדן פון אים. אַזוי פאַנגט זיך אָן אַ וויכוח צו די אידן זענען טאַקע תמימים, אָדער נישט... באַשליסט מען אין הימל, צו וואַרטן ביז נאָך יום כיפור, כדי צו זען ווי אַזוי אידן פירן זיך דעמאָלטס.

זאָגט דער 'תפארת שלמה', אַז אין די טעג נאָך יום כיפור, ווען אידן צאָלן אַ סאַך געלט פאַר די ארבעה מינים, פרייט זיך דער סניגור, דער מלאך מליץ-יושר, און לויפט מיט אַ שמחה, טענה'ן פאַר'ן בית דין של מעלה: קוקט נאָר ווי ווייט עס דערגרייכט די תמימות פון די אידן, אַז מ'קען זיי אַזוי לייכט אויספּאַפּען... וועלכער בר-דעת צאָלט דען פאַר אַ 'פּרוכט' מער ווי עטליכע פּרוטות, שוין אָפּגערעדט פון אַ לולב, הדסים און ערבות?... פון דעם קען מען זען די 'נאַאיוויטעט' פון די אידן, ווי מ'קען זיי לייכט איבעררעדן, אויך צו עבירות ח"ו... אַזוי אַרום ווערט בטל יעדע טענה קעגן די אידן פאַרוואָס זיי האָבן זיך געלאָזט אויסנאַרן פונעם יצר הרע צו זינדיגן, ווייל דער יצר הרע האָט באַוויזן זיי אָפּצונאַרן. ממילא, קומט זיי מ'זאָל זיי פאַרשרייבן אַ גוט געבענטשט יאָר בספרן של צדיקים גמורים.

מ'דערציילט אַז דער הייליגער 'קדושת לוי' זי"ע האָט אַמאָל אין די עשרת ימי תשובה, געזען דעם שטן אַ טרויעריגער און 'פאַרכמאַרעטער'. אויף דעם באַרדיטשוב'ער רב'ס פראַגע פאַרוואָס ער איז צוגעלייגט, האָט דער שטן געענטפערט, אַז ער זעט אַ שיף פיל מיט אתרוגים אַרויספאָרן פון איין לאַנד צום אַנדערן, צו פאַרקויפן פאַר אידן צו קענען בענטשן דערויף אין יום טוב סוכות. די נענועים מיט די ארבעה מינים זענען דאָך ווי אַ פייל אין די אויגן פון שטן (סוכה לח.). וועגן דעם איז ער - דער שטן - טרויעריג.

עטליכע טעג שפּעטער, האָט דער באַרדיטשוב'ער רב ווידער באַגעגנט דעם שטן, אָבער דאָס מאָל, האָט ער אויסגעזען פריילעך און אויפגעהייטערט. ער האָט דערציילט פאַר דעם באַרדיטשוב'ער רב, אַז ער האָט באַקומען

זיין דערפון, און ממילא קומט אויס אַז ער פעלט די גאנצע תכלית און כוונה[ב].

מיט דעם געדאנק טייטשט דער 'מאירי' דעם פסוק (תהלים קיט, קכו) 'עת לעשות לה' הפרו תורתך'. דער וואָס איז מקיים אַ מצוה נאָר דערפאַר ווייל - עת לעשות לה': יעצט איז די צייט צו טוהן די דאָזיגע מצוה, און ער האָט נישט אין זינען דעם טעם פון די מצוה, איז ער חלילה אין כלל פון 'הפרו תורתך'. אויב ער ווערט נישט נתעורר דערצו, און ער שפירט נישט אַז ער טוט די מצוה פאַר דעם אויבערשטען, אויף אַזאַ אופן עסט ער מצה אין יום טוב פסח, און ער זיצט אין סוכה אין יום טוב סוכות, איז ער אַזוי ווי אַן אייזל וואָס טראָגט זיינע בינטלעך ווען עס איז דער שניט פון די תבואה, און ער טראָגט די טרויבן ווען מ'שניידט זיי, ער טראָגט די ווייץ בשעת מ'מאָלט עס. עס קומט אים נישט אַריין אַ התבוננות אין די שינויים פון די צייטן, ער טוישט נאָר די אַקטיוויטעטן וואָס ער טוט, אַזוי ווי אַ צופאַל.

און פונקט ווי דאָס איז געזאָגט געוואָרן לגבי דעם ענין פון זמן, אַז יעדעס מאָל ווען עס קומט א יום טוב, דאַרפן מיר מקיים זיין 'שואלין ודורשין', זיך מתבונן צו זיין און מאַכן די ריכטיגע הכנה צום יו"ט, די זעלבע איז אויך מיט די מצוות פונעם יו"ט, דאַרפן מיר זיך צוגרייטן איידער מיר זענען טוהען זיי, מיט די אנערקענונג פון די קדושה און פון דעם תכלית פון די מצוות וואס דער אויבערשטער פאָדערט פון אונז[ג].

---

רשות פון הימל, צו דערטרינקען די שיף מיט די אתרוגים, און אַזוי וועלן אידן נישט קענען מקיים זיין מצוות ד' מינים. דעריבער איז ער פרייליך.

חול המועד סוכות, האָט דער באַרדיטשובֿ'ער רב געזען דעם שטן צום דריטן מאָל, און דאָס מאָל, איז ער שוין ווידעראַמאָל געווען צועלייגט... האָט ער אים געפרעגט, "וואָס האָט פּאַסירט? מ'האָט דאָך נאָכגעגעבן דיין פּאַרלאַנג, און דו האָסט דערטרינקען די שיף מיט די אתרוגים? פאַרוואָס ביזטו טרויעריג?". האָט דער שטן געענטפערט: "איך האָב טאַקע באַוויזן צו דערטרינקען די שיף מיט די אתרוגים, און דער רוב פון די אתרוגים זענען טאַקע נישט אָנגעקומען צו אידישע הענט, אָבער מיט פאַרשידענע 'אומוועגן' האָבן אַ פּאָר סוחרים באַוויזן אַריבערצופירן אַ צאָל אתרוגים פון איין פלאַץ צום אַנדערן, און אידן האָבן געצאָלט גרויסע סכומים כדי זוכה צו זיין אין די מצוה. **דער רצון פון אידישע קינדער, איז גרעסער און חשוב'ער אין הימל ווי די גאַנצע מצוה**, און דערפאַר בין איך צועלייגט און איך האָב חרטה אויף דעם וואָס איך האָב דערטרינקען די שיף. עס וואָלט פאַר מיר געווען אַ סאַך בעסער אויב די שיף וואָלט נישט דערטרינקען געוואָרן..."

**ב.** די דורשי רשומות זאָגן, אַז 'הכנה' באַטרעפט די צאָל 80, אַזוי ווי דאָס וואָרט 'יסוד', ווייל **די הכנה איז דער 'יסוד' אויף וועלכן עס ווערט געבויט דער גאַנצער יום טוב.**

**ג.** דער אמת איז, אַז אויך דער יצר הרע 'ווייסט' וועגן די וויכטיגקייט פון מאַכן די נויטיגע הכנה, און וועגן דעם פּרובירט ער צו צעמישן דעם מענטש אַז ער זאָל זיך נישט צוגרייטן געהעריג צום יום טוב, און ער איז גורם ער זאָל מסיח דעת זיין פון דעם עיקר צו דעם טפל. ער זאָל נעמען אויף זיך פאַרשידענע חומרות און דקדוקים (וואָס אַוודאי זענען אַלע הייליגע יסודות, און מ'טאָר זיך נישט אָפּרוקן פון מנהגי ישראל, אפילו אַ האָר), אָבער זיי זענען נישט דער עיקר און דער נקודה פונעם יום טוב.

אַ מענטש איז יעדן טאָג אַדורכגעפאָרן די גרעניץ מיט אַ שיינעם קאַר, וואָס איז געווען איבערגעפילט מיט זאַמד. די גרעניץ וועכטער האָבן זיך אַלץ געוואונדערט וואָס קומט דאָ פאָר, פאַר וועלכן צוועק פירט ער זאַמד פון איין לאַנד צום אַנדערן. האָט יענער געענטפערט, אַז ער בויט יעצט אַ שיין גרויס הויז אין זיין שטאָט, און וויבאַלד דאָ קאָסט זאַמד אַסאַך ביליגער ווי דאָרט, ברענגט ער זאַמד פון דאָ אַהין צו דעם אָרט וואו ער בויט זיין ניי הויז.

די וועכטער האָבן אים אָבער נישט געגלייבט, זיי זענען נישט געוואָרן איבערצייגט פון זיין מאָדנעם ענטפער, ווייל זאַמד קאָסט דאָך ביליג איבעראַל, און זיי האָבן דעריבער געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז ער באַהאַלט אַוודאי אינעם זאַמד, טייערע שטיינער און דיאַמאַנטן, וואָס ער וויל נישט צאָלן דערפאַר קיין שטייער. האָבן זיי באַפוילן ער זאָל אויסליידיגן דאָס גאַנצע זאַמד פון זיין קאַר, און זיי האָבן אַלעס אַדורכגעזיפּט, אָבער צו זייער גרויס שטוינונג, האָבן זיי דאָרט גאָרנישט געפונען, און בלית ברירה, האָבן זיי אים געלאָזט אַדורכפאָרן די גרעניץ.

די גמרא זאָגט (סוכה יא:) אויפ'ן פסוק (דברים טו, יג) 'חג הסוכות תעשה לך', 'תעשה ולא מן העשוי'. מ'דאַרף בויען די סוכה לכבוד יום טוב סוכות, און נישט אַז עס זאָל דאָרט זיין אַ סוכה פון פריער. האָבן צדיקים געטייטשט בדרך רמז, אַז חז"ל האָבן אונז געוואָלט לערנען ווי אַזוי מ'דאַרף מקיים זיין אַלע מצוות: מ'זאָל עס טוהן אויף אַן אופן פון 'תעשה ולא מן העשוי'. מ'זאָל נישט טוהן די מצוה אָן האַרץ, 'כמצוות אנשים מלומדה', אַזוי אַז די מצוה וועט געטוהן ווערן 'פון זיך אַליין'. עס מוז זיין 'תעשה' - דו זאָלסט טוהן די מצוה מיט אַ הכנה פון פריער[ד], און מיט התלהבות און חיות פון די שמחה של מצוה[ה].

---

די זעלבע סצענע האָט זיך איבערגע'חזר'ט אין משך פון אַ לאַנגע צייט. טאָג-טעגליך פלעגן די וועכטער אַדורכזיפּן דאָס זאַמד וואָס ער האָט געוואָלט אַדורכפירן די גרעניץ, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געטראָפן. אַ צייט שפּעטער, האָט ער געלאָזט וויסן פאַר די וועכטער, אַז ער האָט געענדיגט בויען זיין נייע הויז, און ער דאַרף שוין מער נישט אַריבערפאָרן די גרעניץ. איינער פון די וועכטער איז געווען קלוג, און ער האָט אים געבעטן שטילערהייט ער זאָל אים אַנטפּלעקן זיין סוד. ער ווייסט דאָך אַז ער איז נישט אַ שוטה זיך צו פּלאָגן יעדן טאָג מיט פירן זאַמד פון איין לאַנד צום אַנדערן, כדי צו פאַרדינען עטליכע גראָשן. (און פארשטייט זיך, אז ער וועט אים פאַרזיכערן אַז ער וועט אים נישט באַשטראָפן און ער וועט נישט דאַרפן צאָלן שטייער דערפאַר). נאָך דעם ווי דער וועכטער האָט אים געגעבן זיין צוזאָג, האָט דער מענטש געזאָגט מיט שפּאַס: די מיינסט טאקע, אַז איך דאַרף האָבן זאַמד?!... כ'בין יעדן טאָג אַדורכגעפאָרן די גרעניץ מיט אַ נייעם טייערן קאר, און כ'בין דערנאָך צוריקגעפאָרן מיט אַן אַנדערע, אַן אַלטן, איינפאַכן קאר... דאָס גאַנצע אַדורכפאָרן די גרעניץ, איז געווען מיט'ן ציל אַריינצופירן דעם שיינעם קאר, פאַר וועלכן איך האָב באַקומען אַ שיינעם סכום... כדי איר זאָלט זיך נישט כאַפּן, האָב איך יעדן טאָג אָנגעפילט דעם קאר מיט זאַמד. אַזוי האָט איר יעדעס מאָל ביים אַדורכפאָרן די גרעניץ, געקלערט וואָס איך באַהאַלט דאָרט אינעם זאַמד... עס איז אייך נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן וועגן דעם אויטאָ זעלבסט...

אט דאס איז דער יצר הרע, ער מאַכט אונז פאַרגעסן אַז מיר זאָלן טראַכטן וועגן פאַרשידענע זאַכן, כדי מיר זאָלן פאַרגעסן פון דעם עיקר, די 'נקודה הפנימית'.

אַ מענטש וואָס איז געווען נישט געזונט ל"ע האָט זיך אינטערעסירט וועגן אַ דאָקטאָר. ביים זיך נאָכפרעגן וועגן איין דאָקטאָר, צי ער איז אַ מומחה אין זיין פאַך, אָדער ער איז נישט מער ווי אַ 'שוסטער', האָט ער געפרעגט זיינס אַ ידיד, אויב ער קען יענעם דאָקטאָר, און זיין ידיד האָט אים געענטפערט אַז יאָ. ווען ער האָט אים געפרעגט וואָס ער זאָגט וועגן אים, האָט דער ידיד אים געענטפערט, וואָס זאָל איך דיר זאָגן... ס'איז זיכער אַז ס'גוט צו גיין צו יענעם דאָקטאָר, ווייל אין זיין וואַרט-צימער איז דאָ גוטע 'עיר קאָנדישאָן', וואָס קילט גוט דעם גרויסן וואַרט-צימער. אויך שטייען דאָרט הערליכע באַקוועמע בענקלעך צום זיצן, און אַ ספּעציעלע כלי מיט קאַלט וואַסער, פאַר די אַלע וואָס וואַרטן דאָרט... איז דער פרעגער שוין געוואָרן אומגעדולדיג: אָבער וואָס זאָגסטו וועגן דעם דאָקטאָר... האָט דער חכם אים געענטפערט: ריכטיג, דער דאָקטאָר אַליין איז נישט אַזאַ ספּעציאַליסט, אָבער דער וואַרט-צימער איז ממש מורא'דיג...

אַזוי זוכט דער יצר הרע צו צעטומלען דעם מענטש, אַז ער זאָל טראַכטן וועגן דעם 'וואַרט-צימער', און נישט וועגן דעם עיקר...

**ד.** הגה"ק רבי חיים וויטאַל זי"ע זאגט א מורא'דיגע זאך (הקדמה לספר 'שער המצוות'): מיר זעען דאָך אַז מענטשן טוהען אַזוי פיל מצוות, און עס ווערן חלילה נישט פאַרווירקליכט ביי זיי די ווערטער און די הבטחות פון די הייליגע חז"ל, וועגן זייער גרויסן שכר אויך אויף דער וועלט. נאָר מיז זיין, ווייל ווען דער מענטש איז מקיים אַ מצוה, טאר ער נישט שפּירן אַז עס איז אויף אים ווי אַ לאַסט, וואָס ער קוקט אַרויס שוין אַראָפּצונעמען פון זיך די לאַסט, נאָר ער זאָל טראַכטן ביי זיך ווי מיט'ן טוהן די מצוה וועט ער פאַרדינען פילע טויזנטער דאָלאַרן, און **ער זאָל זיך פרייען** בשעת ער טוט די מצוה מיט א געוואַלדיגע שמחה.

אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האָט דערציילט, אַז דער עלטער-עלטער זיידע, הרה"ק רבי משה לעלוב'ער זי"ע, איז אַרויסגעפאָרן פון פוילן קיין ארץ ישראל אין חודש אלול. פאַר דער נסיעה, האָט ער צוגעגרייט אַ שופר אויף ראש השנה, און די ד' מינים אויף יום טוב סוכות.

ערב סוכות, זייענדיג אויף דער שיף, האָט ער באַמערקט, אַז די ערבות זענען געוואָרן פאַרטריקנט, און זענען פסול, און ער וועט נישט קענען יוצא זיין די מצוה פון ד' מינים. האָט רבי משה'לע געבעטן דעם שיף-קאַפּיטאַן,

**דער** בעל שם טוב הקדוש זי"ע האט געטייטשט דעם פסוק (תהלים פא, ה) 'כי חוק לישראל הוא משפט לאלוקי יעקב'. אויב דער מענטש איז מקיים די מצוות פון באשעפער, אזוי ווי א 'חוק' - דאס הייסט, ווי סתם

---

ער זאל זיך אפשטעלן ביי איינע פון די אינדזלען, כדי ער זאל קענען אראפשטייגן דארט און קלויבן ערבות אויף יום טוב. דאס איז געווען א פארלאנג, וואס דער קאפיטאן האט - זעלבסט-פארשטענדליך - קאטעגאריש אפגעווארפן. ער קען דאך נישט אויפהאלטן א גאנצע שיף מיט מענטשן, צוליב איין מענטש וואס זוכט א פאר ערבות...

הרה"ק רבי משה'לע האט אבער נישט נאכגעלאזט. ער האט כסדר געבעטן דעם קאפיטאן, און אן טראכטן צופיל, האט ער ארויסגענומען דאס גאנצע געלט וואס ער האט מיטגענומען מיט זיך קיין ארץ ישראל (איידער ער איז ארויסגעפארן פון פוילן, האט ער דארט באקומען אסאך געלט פון די חסידים), און עס דערלאנגט פארן קאפיטאן אין האנט, אויב ער וועט זיך אפשטעלן אינעם אינדזל, כדי ער זאל דארט קענען קלויבן ערבות. אזא אנבאט, האט דער קאפיטאן שוין נישט געקענט אפווארפן... און דער צדיק האט זוכה געווען מקיים צו זיין די מצוה כתיקונה. ער איז אבער אנגעקומען קיין ירושלים, אן א פרוטה אין טאש.

פון ירושלים, האט ער געשיקט א בריוו קיין חוץ לארץ, צו די גבאי צדקה אין חוץ לארץ, זיי זאלן אים שיקן 'תמיכה'-געלט, א פארלאנג אויף וועלכן זיי האבן זיך זייער געוואונדערט, ווייל מ'האט דאך געוואוסט אז רבי משה'לע האט פאר'ן ארויספארן פון פוילן באקומען (אויך פון די גבאים) אסאך געלט. ערשט נאכ'ן פארשן די זאך, האבן זיי געהערט וועגן דער מסירות נפש פון הייליגן לעלוב'ער צדיק פאר א מצוה, אז ער האט מסכים געווען אוועקצוגעבן זיין גאנצן פארמעגן 'בעד נפשו', פאר א מצוה וואס איז ביי אים געווען די גאנצע נשמה. עס האט אים געברענט אין די ביינער דער קיום פון א מצוה, און די גאנצע וועלט האט נישט געהאט קיין שום חשיבות אין זיינע אויגן, קעגן דעם תענוג און די שמחה וואס ער האט געהאט פון דעם וואס ער קען גורם זיין א נחת רוח פאר'ן באשעפער ברוך הוא, ווען ער איז מקיים א מצוה בשלימות.

הרה"ק רבי אשר סטאלינער זי"ע האט געזאגט, אן ערבה קאסט עטליכע גרייצער, און פונדעסטוועגן, איז עס אזוי חשוב אז ס'ווערט א 'חפצא' פון דעם 'יום ערבה' - הושענא רבה. דאס איז דערפאר ווייל **די שמחה פארוואנדלט עס אין א חשוב'ן חפץ**. א מצוה וואס ווערט געטוהן מתוך שמחה, איז ווערד טויזנטער, אנדערש ווי א מצוה וואס מ'טוט 'כמצוות אנשים מלומדה'.

פון דער צווייטער זייט, זאגט הרה"ק רבי מענדעלע וויטעבסקער זי"ע ('פרי הארץ', מכתב כב) אויף די ווערטער פון חז"ל (חגיגה כז.) 'פושעי ישראל מלאים מצוות כרמון'. איז שווער, אויב זיי טוהען אזוי פיל מצוות, פארוואס ווערן זיי אנגערופן 'פושעי ישראל'?

זאגט הרה"ק רבי מענדעלע וויטעבסקער, די דאזיגע מענטשן זענען טאקע מקיים אסאך מצוות, אבער **זיי פרייען זיך נישט און האבן נישט הנאה פונעם טוהן די מצוה, און דאס נעמט אראפ די גאנצע ווערד פון די מעשה המצוה.** צוליב דעם ווערן זיי באצייכנט אלס 'פושעי ישראל'.

אנדערע זענען מוסיף, אז אויף דעם זאגט די גמרא 'מלאים' מצוות. זיי 'פילן' זיך אן מיט מצוות. זיי טוהען איין מצוה, און נאך א מצוה, און נאך א מצוה, אבער אן התלהבות און התפעלות פון יעדע מצוה פאר זיך.

**ה.** די גמרא זאגט (סוכה ב.) א די תורה האט געזאגט, אלע זיבן טעג פון יום טוב סוכות זאלסטו **ארויסגיין פון דיין 'דירת קבע'** - וואו דו וואוינסט א גאנץ יאר - און אריינגיין וואוינען אין א 'דירת עראי', א צייטווייליגע דירה. דארף מען פארשטיין, דער עיקר פון די מצוה איז דאך צו זיצן אין א 'דירת עראי', אויב אזוי, וואלט געווען גענוג צו זאגן 'כל שבעת הימים, שב בדירת עראי', פארוואס האבן חז"ל געדארפט זאגן אז מ'דארף ארויסגיין פון דיין 'דירת קבע'? וואס איז א נפקא מינה וואו מ'איז געזעסן פריער, פאר יום טוב סוכות?

נאר דער תירוץ איז, אז חז"ל האבן אונז געוואלט לערנען, אז ס'איז נישט גענוג סתם צו 'זיצן' אין סוכה, אן נוצן דעם מח און דאס הארץ, **דו דארפסט 'ארויסגיין' פון דיין 'דירת קבע' - גיי ארויס פון זיך, און מאך דיר א התבוננות אין דעם וואס דו טוסט, ווען דו זיצסט אין סוכה.**

**ו.** הרה"ק רבי איציקל סקווערער זי"ע האט אמאל געפרעגט א איד אויב ער שלאפט אין סוכה. האט יענער געענטפערט, אז ער קען נישט שלאפן אין סוכה, צוליב די גרויסע קעלט וואס הערשט אינדרויסן. האט רבי איציקל סקווערער אים געזאגט:

אַ 'מעשה קוף' (א מאלפע וואָס מ'מאַכט נאָך אַ צווייטן). ער טוט פעולות מיט זיינע הענט און פיס, אָן אַריינטראַכטן מיט'ן קאָפּ און מיט'ן האַרץ[ו], איז ער מעורר דערמיט ח"ו 'משפט לאלוקי יעקב'. נאָר מ'דאַרף צוגיין צו די מצוות מיט התלהבות און הרגשים פון האַרץ, און מיט דעם איז מען מעורר אויף זיך און אויף אַלע אידן גרויסע און אָפענע רחמים און חסדים[ז].

**הלוי והגר והיתום והאלמנה - זיך גרייטן צום יו"ט דורך טוהן חסד**

**אין** די טעג צווישן יום כיפור און סוכות, איז די צייט צו טיילן אַסאַך צדקה און טוהן אַסאַך חסד, ווי דער 'שערי תשובה' ברענגט (או"ח סי' תרכ"ה) אין נאָמען פון ספר 'אור צדיקים' למהר"מ פאפר"ש זצ"ל, אַז ערב סוכות דאַרף מען טיילן אַסאַך צדקה[ח], און הרה"ק רבי

- כ'האָב קיינמאָל נישט געזען אַזאַ 'קאַלטע' שמונה עשרה ווי דו דאַוונסט, און פונדעסטוועגן, זע איך אַז דו שלאָפסט זייער גוט ביים דאַווענען...

**דאָס איז דער עיקר עבודה פון אַ איד, ער זאָל אַלעס טוהן מיט אַ הייליגן פייער.**

**ז.** עס ווערט געברענגט ('בית אברהם', לסוכות, ד"ה 'האתרוג'), אַז הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט אַמאָל פאַר יום טוב פסח געפרעגט איינעם פון זיינע חסידים, אויב ער האָט שוין אַן אתרוג לכבוד יום טוב. האָט דער חסיד זיך געוואונדערט, וואָס פאַראַ שייכות האָט אַן אתרוג מיט פסח... האָט דער קאָברינער געענטפערט, דער זוהר הקדוש זאָגט 'אתרוג דא לבא'... מיט דעם זענען פסח און סוכות גלייך, אַז **מ'דאַרף צוגרייטן דאָס האַרץ צו דעם יום טוב.**

דער ירושלמי זאָגט (סוכה פ"ג ה"א) אַז אַ לולב וואָס איז געוואָרן פאַרטריקנט, איז פסול צו שאָקלען דערמיט, ווייל דער פסוק זאָגט (תהלים קטו, יז) 'לא המתים יהללו י-ה'. לויט דעם, קען מען זאָגן אַ 'קל וחומר': **מה דאָך ווען אַ איד איז מקיים די מצוה ווען ער אַליין איז פול מיט חיות נאָר דער לולב איז טרוקן, איז ער נישט יוצא די מצוה ווייל עס איז ווי אַ 'טויטע' מצוה, איז דאָך אַ קל וחומר, בן בנו של קל וחומר, ווען דער לולב איז גרין, און פול מיט חיות, נאָר דער מענטש וואָס נעמט עס צו שאָקלען איז 'טרוקן' - אָן חיות, איז אַוודאי דאָ ביי דעם דער חסרון פון 'לא המתים יהללו'...**

## מן הבאר

הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע זאָגט, אַז צוליב דעם מאַכן מיר די 'נענועים' מיט די ארבעה מינים אַנטקעגן דעם האַרץ, כדי מעורר צו זיין דאָס האַרץ צו עבודת השם. מיט דעם זאָגט ער אַ טעם פאַרוואָס מ'שאָקלט נישט לולב ווען יום טוב איז אין שבת, ווייל **די קדושה פון שבת איז מעורר דאָס האַרץ פון יעדן איד צו עבודת השם, און מ'דאַרף נישט אָנקומען צו דעם לולב נתעורר צו ווערן.**

**ח.** 'דברי תורה צריכין חיזוק'. אין די טעג פון ערב יום טוב, ווען יעדער איינער איז טרוד מיט די הכנות צום יום טוב, דאַרף מען שטאַרק אַכטונג געבן נישט אַריינצופאַלן אין כעס אָדער אין מחלוקת ח"ו.

מיר האָבן געהערט פון די בעלי העובדא אַ וואונדערליכע מעשה, וואָס מ'קען לערנען דערפון ווי מיט ווערטער מען גערעכטעוועט אַפילו פון אַ מיתה משונה רח"ל. איינער פון די יקירי קרתא דשופריא אין ירושלים, מיט אַ געבענטשטע משפחה פון קינדער בלע"ה. ווען די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, איז נישט געווען גענוג פלאַץ אין די סוכה פאַר אַלעמען. האָבן די קינדער באַשלאָסן צו בויען אַ גרעסערע סוכה אונטן אין הויף. געזאָגט און געטוהן: מ'האָט געקויפט ווענט פאַר די סוכה, געננוי לויט די מאָס, און לאַנגע שעה'ן האָבן די קינדער געאַרבעט צו בויען די סוכה עס זאָל זיין אויפ'ן בעסטן אופן.

ווען זיי זענען שוין געווען פאַרטיג מיט'ן בויען די סוכה, האָט אַ שכן אָנגעקלאַפּט אויפ'ן טיר און געזאָגט, אַז אַ טייל פון די סוכה איז געבויט געוואָרן אויף דעם שטח וואו ער טוט 'פאַרקירן' זיין קאַר, און ער פאָדערט דעריבער מ'זאָל אַוועקנעמען פון דאָרט די סוכה, און עס אויפשטעלן ערגעץ אַנדערש. די קינדער האָבן אים פרובירט ערקלערן ווי שווער ס'איז זיי אָנגעקומען צו בויען די סוכה, און געבעטן ער זאָל מוותר זיין און זיי לאָזן האַלטן דאָרט די סוכה פאַר די אַכט טעג פון יום טוב. יענער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן פון גאָרנישט. ער האָט שאַרף געזאָגט,

'אדם אוסר את שלו', ס'איז זיין שטח, און ער גיט זיי נישט קיין רשות צו האָבן דאָרטן זייער סוכה. די קינדער פון דעם איד האָבן פרובירט זיך טענה'ן מיט'ן שכן, און געזאָגט אַז עס איז אַ 'מידת סדום', וואָס אַרט דיך צו 'פאַרקירן' דיין קאַר אין די אַכט טעג פון יום טוב ערגעץ אַנדערש. זיי האָבן אַפילו פרובירט אויפווייזן אַז לויט'ן דין אין שולחן ערוך באַלאַנגט דאָס אָרט נישט צו אים, נאָר אַלע שכנים האָבן דאָרט אַ חלק. ער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן פון גאָרנישט.

פון די אנערע זייט, האָט דער טאטע, וועלכער איז געווען אַ איד אַ צדיק, קלאָר געזאָגט פאַר זיינע קינדער, אַז ער וועט בשום אופן נישט זיצן אין אַ סוכה וואָס איז גורם צער און עגמת נפש פאַר אַ צווייטן אידן, און אויב זיי ווילן עסן מיט אים אין סוכה, דאַרפן זיי צעוואַרפן די סוכה וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט און עס אַריבערפירן ערגעץ אַנדערש. בלית ברירה האָבן די קינדער אויפגעבויט אַן אַנדערע סוכה אויף אַ צווייטן אָרט אינעם הויף.

מוצאי יום טוב (די ערשטע נאכט חוה"מ), אינמיטן נאַכט, האָט מען פלוצלינג געהערט אַ שטאַרקן 'זעץ' אין הויף. יעדער איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף אין אַ בהלה, און אָט זעען זיי דריי גרויסע שטיינער (ווי די ירושלים'ער שטיינער...) וואָס זענען געפאַלן פון אַ הויכן שטאָק פונעם בנין צו דעם אָרט וואו דער שכן האָט געהאַט אַוועקגעשטעלט זיין קאַר, און די קאַר איז צעזעצט געוואָרן אויף פיצלעך פון די שטיינער. אויב זיי וואָלטן נישט אַוועקגעפירט פון דאָרט זייער סוכה, און זיי וואָלטן יעצט געשלאָפן דאָרט, וואָלט די מעשה געווען גאר אנדערש, און ווער ווייסט אויב זיי וואָלטן אַרויס פון דאָרט לעבעדיג, רח"ל. זעט מען אַז **אין זכות פון דעם וואָס זיי האָבן מוותר געווען לפנים משורת הדין, זענען זיי געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טראגעדיע ה"י.**

אויך אין בני ברק האָט פאַסירט אַן ענליכע מעשה, אין אַ בנין פון פיר שטאָק, האָט אַ שכן פון פערטן שטאָק געוואָלט בויען אַ 'פאָרטש', פאַר אַ סוכה. די שכנים פון די אונטערשטע שטאָקן האָבן אָבער נישט מסכים געווען, זאָגנדיג, אַז זיי האָבן דאָרט זייערע סוכות, און אויב ער וועט דאָרט בויען אַ סוכה, וועט עס פסל'ען זייערע סוכות. בלית ברירה האָט דער שכן פון פערטן שטאק באַשלאָסן צו בויען זיין זוכה אין הויף פונעם בנין. ס'איז געווען פאַר אים אַ גרויסע טירחא, ווייל פאַר יעדן לעפעל אָדער טעלער א.א.וו.. וועט מען דאַרפן אַרויפקריכן און אַראָפגיין פיר שטאָק...

איינער פון די שכנים אויפ'ן ערשטן שטאָק האָט רחמנות געהאַט, און האָט געזאָגט פאַר דעם שכן פון פערטן שטאָק, דו קענסט בויען דיין 'פאָרטש' העכער דעם אָרט וואו איך האָב געהאַט מיין סוכה, און איך וועל בויען מיין סוכה אויפ'ן צווייטן זייט פון דעם בנין. אַזוי זענען אַלע געווען צופרידן.

דאָס האָט פאַסירט אין יאָר תשע"ח. אינמיטן חול המועד, זענען געווען גרויסע שטורעם ווינטן אין גאַנץ ארץ ישראל. די שטאַרקע ווינטן האָבן אויך נישט איבערגעהיפט די שטאָט בני ברק, און דאָ האָט פאַסירט דער גרויסער נס וואָס האָט געראַטעוועט אידישע נפשות. פונקט דעמאָלס איז געפאַלן פון דריטן שטאָק אַ גרויסער דאַך, וואָס דעקט צו אַ גאַנץ יאָר דעם 'פאָרטש' (סוכות איז עס געוואָנדן צו אינדרויסן) אויף דעם אָרט וואו דער שכן פון ערשטן שטאָק האָט ביז היינט געבויט יעדעס יאָר זיין סוכה, און היי יאר האָט ער עס אריבערגעפירט צום צווייטן זייט.

**פון דעם זעען מיר, אָפט מאָל זעט עס אויס ווי מ'האָט געטוהן אַ טובה פאַר אַ צווייטן, ווען אין אמת'ן, טוט מען אַ טובה פאַר זיך אַליין.**

ווען דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע איז שוין געווען אויף דער עלטער, האָט ער אַמאָל געבויט די סוכה מיט גרויס האָרעוואַניע בכל פרטיה ודקדוקיה. ווען די רעביצין (וועלכע איז שוין געווען זיין זיווג שני) האָט געזען די סוכה, האָט זי אים געזאָגט, אַז לויט איר מיינונג, איז אפשר בעסער צו בויען די סוכה ביים צווייטן עק פונעם הויף. האָט דער 'חפץ חיים' צענומען די סוכה, און עס געבויט דאָרט וואו די רעביצין האָט געוואָלט. ווען די רעביצין האָט אָבער געזען די סוכה אויף איר נייעם אָרט, האָט זי 'מודה געווען' צו איר גרויסן מאַן אַז ער איז געווען גערעכט, און מ'דאַרף טאַקע שטעלן די סוכה דאָרט וואו ס'איז פריער געשטאַנען... האָט דער 'חפץ חיים' **רואיגערהייט** נאָכאַמאָל צענומען די סוכה, און עס אויפגעבויט **צום דריטן מאָל**, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט פאַסירט...

עס איז באַקאַנט די מעשה, אַז דער זלאָטשובער מגיד הרה"ק רבי מיכל'ע זי"ע האָט געליטן פון דחקות ל"ע. ער האָט געהאַט אַ פאָר טייערע תפילין וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיין גרויסן טאַטן, הרה"ק רבי יצחק'ל דראָהביטשער זי"ע, און די רעביצין האָט אים אַסאַך מאָל געבעטן ער זאָל פאַרקויפן די תפילין, כדי זי זאָל האָבן וואָס צו געבן צו עסן פאַר זייערע הונגעריגע יונגע קינדערלעך. רבי מיכל'ע האָט אָבער בשום אופן נישט מסכים געווען צו פאַרקויפן די תפילין וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיין גרויסן טאַטן.

חיים וויטאַל זצ"ל פלעגט טאַקע ערב סוכות פאַרטיילן די פושקע פאַר אָרימעלייט.

**עס** שטייט אין ספר 'יסוד ושורש העבודה' (פי"ב), אַז ערב סוכות איז די צייט ווען דער מענטש זאָל טיילן צדקה, ווייל עס איז אַ גרויסער טאָג[ט]. אויך איז עס די צייט פון 'אסיפה', אַריינצונעמען צו זיך אין הויז אויף אַלע טעג פון יום טוב סוכות, אָרימעלייט מהוגנים בני תורה, און זיי זענען אַ חלק פון די זיבן הייליגע אושפיזין.

---

איין יאָר, ווען דער דער יום טוב סוכות האָט זיך דערנענטערט, איז אין גאַנצן אומגעגנט פון זלאָטשוב נישט געווען צו באַקומען אַ שיינעם אתרוג. דער הייליגער זלאָטשובער מגיד האָט אָבער זייער געוואָלט האָבן אַ מהודר'דיגן אתרוג, אַזוי אַז ווען ער האָט געהערט אַז ס'איז דאָ אַ סוחר וואָס האָט באַוויזן צו באַקומען אַ גאַר שיינעם אתרוג, און ער איז גרייט עס צו פאַרקויפן פאַר פופציג רייניש, וואָס איז אין יענע צייטן געווען גאָר אַסאַך געלט, האָט הרה"ק רבי מיכל'ע פאַרקויפט די תפילין וואָס ער האָט געהאַט בירושה פון זיין טאַטן, און געקויפט דעם שיינעם אתרוג. ער איז אַהיימגעקומען לוסטיג און פריילעך, אַז דער אויבערשטער האָט אים מזכה געווען מיט אַ מהודר'דיגן אתרוג אין יום טוב סוכות.

ווען דער מגיד איז אַריינגעקומען אין הויז, האָט די רעביצין באַמערקט אַז ער האָט אַהיימגעברענגט גאָר אַ שיינעם אתרוג, און ווויסנדיג אַז היי יאָר הערשט אַ גרויסער מאַנגל אין אתרוגים, האָט זי זיך געוואונדערט און אים געפרעגט פון וואו ער האָט גענומען אַזוי פיל געלט צו קויפן דעם שיינעם אתרוג. איר הייליגער מאַן האָט איר אָבער נישט געוואָלט דערציילן פון וואו ער האָט גענומען דאָס געלט פאַר'ן אתרוג... ערשט נאָך אירע לאַנגע הפצרות, איז רבי מיכל'ע געווען געצוואונגען איר צו דערציילן דעם 'סוד', אַז ער האָט פאַרקויפט די טייערע תפילין כדי צו קויפן דעם שיינעם אתרוג. ווען זי האָט דאָס געהערט, איז זי געוואָרן אין כעס, האָט זי אים אָנגעשריגן, ווי אַזוי האָסטו געקענט טוהן אַזאַ זאַך. דו ווייסט דאָך אַז שוין אַ לאַנגע צייט בעט איך זיך ביי דיר דו זאָלסט פאַרקויפן די תפילין פון דיין טאַטן כדי צו קענען שפייז די קינדער, און דו האָסט קיינמאָל נישט מסכים געווען דערצו, כאָטש עס איז געווען אַן ענין פון 'פיקוח נפש', און דאָ, כדי צו קויפן דעם אתרוג, האָסטו אַזוי לייכט פאַרקויפט די תפילין... אין אויפרעגעניש, האָט זי געכאַפּט דעם אתרוג און אַראָפּגעביסן דעם פיטם, אַזוי אַז דער אתרוג איז פסול געוואָרן...

ווען דער הייליגער זלאָטשובער מגיד האָט געזען וואָס די רעביצין האָט געטוהן, האָט ער נישט געזאָגט אַ וואָרט, מ'האָט אַפילו נישט דערקענט אויף אים אַ צייכן פון כעס און קפידא, נאָר ער האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל, און געזאָגט:

**- רבונו של עולם, די טייערע תפילין האָב איך שוין נישט, אַן אתרוג האָב איך אויך נישט. נו, זאָל איך נאָך אַריינפאַלן אין כעס?...**

יענע נאַכט, האָט ער געזען אין חלום זיין טאַטן, הרה"ק רבי יצחק'ל דראָהביטשער זי"ע, און דער טאַטע האָט אים געזאָגט, **אַז דאָס זיך איינהאַלטן פון כעס, איז געווען חשוב'ער אין הימל, מער ווי דיין מסירות נפש צו פאַרקויפן מיינע תפילין כדי צו קויפן דעם אתרוג. דורך דעם האָסטו בטל געמאַכט אַסאַך שלעכטע גזירות...** (געברענגט אין ספר 'תורת המגיד מזלאטשוב')

**ט.** עס איז באַקאַנט, אַז דער הייליגער צאַנזער רב בעל 'דברי חיים' זי"ע, האָט ערב סוכות פאַרטיילט ריזיגע סכומים געלט פאַר צדקה, און כאָטש אויך איבער'ן יאָר האָט ער געטיילט צדקה מיט אַ ברייטע האַנט, האָט ער אָבער געטיילט אַסאַך מער אין די טעג פאַר סוכות. ער האָט געזאָגט: **'ס'איז נישט דאָ אַ שענערע 'נוי סוכה', ווי די צדקה וואָס מ'טיילט ערב סוכות'.**

דער טעפליקער רב, הגאון רבי שמשון אהרן פּאָלאַנסקי זצ"ל, איז געווען באַקאַנט מיט זיין גדלות בתורה, זייענדיג איינער פון די גדולי הפוסקים אין ירושלים, וואו ער האָט געוואוינט אויף די עלטערע יאָרן. ער איז אויך געווען באַרימט מיט זיינע מעשים טובים פון צדקה וחסד, זיך זאָרגנדיג פאַר אָרימע און נויטבאַדערפטיגע משפחות אין ירושלים. אַמאָל צווישן יום כיפור און סוכות, ווען ער איז געזעסן און געענטפערט שאלות פון אידן וועגן די כשרות פון זייערע אתרוגים, האָט דער טעפליקער רב געהערט וועגן עטליכע אָרימע משפחות וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלט אויף צרכי החג, און ער האָט געבעטן יעדן איינעם וואָס איז אַריינגעקומען צו אים מיט אַ שאלה אדער

ווייזן א אתרוג, בייצושטייערן געלט פאַר די אָרימעלייט. איינער פון די אידן וואָס איז אַריינגעקומען צום טעפּליקער רב, האָט זיך פאַרענטפערט אַז אויך ער פלאָגט זיך זייער אויף פרנסה, און ער האָט נאָך אַפילו נישט קיין געלט צו קויפן די ד' מינים, איז ווי אַזוי קען ער געבן פאַר אַנדערע, ווען ער אַליין האָט אויך נישט גענוג. מיר ווייסן דאָך אַז 'חייך קודמין'. האָט דער טעפּליקער רב אים געזאָגט:

- אויב עס פעלט דיר נאָר געלט צו קויפן די ד' מינים, דאַרפסטו געבן דאָס געלט וואָס דו האָסט יאָ, פאַר די אָרימע משפחות, ווייל די ד' מינים קענסטו נעמען פון אַנדערע אויף אַן אופן פון 'מתנה על מנת להחזיר', אָבער יענע אָרימע משפחה וואָס וועט נישט האָבן פיש און פלייש אויף יום טוב, און וועלן חלילה פאַרלאָזן אַפילו איין טרער צוליב זייער אָרימען מצב, קען דאס מעורר זיין שרעקליכע קיטרוגים רח"ל אין הימל, און מ'וועט זיך נויטיגן אין גאָר אַסאַך רחמים און חסדים כדי ממתיק צו זיין דעם קיטרוג...

ס'איז טאַקע 'ראוים הדברים למי שאמרם'. בדידיה הוה עובדא, דער טעפּליקער רב זצ"ל אַליין, האָט אַמאָל דעם ערשטן טאָג פון יום טוב סוכות געבעטן פון איינעם פון די מתפללים אין ביהמ"ד, ער זאָל אים געבן דעם לולב מיט'ן אתרוג אויף אַן אופן פון אַ 'מתנה על מנת להחזיר', כדי ער זאָל קענען יוצא זיין די מצוה פון שאָקלען מיט די ארבעה מינים. האָבן די מתפללים זיך אינטערעסירט פאַרוואָס דער רב האָט נישט קיין אייגענע ד' מינים, און זיי האָבן געהערט אַז ערב יום טוב האָט דער טעפּליקער רב טאַקע געהאַט גאָר אַ שיינעם אתרוג, אָבער ער האָט דאַן געהערט דאָס געוויין פונעם הויז פון אַ שכנ'טע (וואו די עלטערן האָבן חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל), און ער איז געגאַנגען פרעגן וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט ער געהערט אַז דאָס קליינע יונגל האָט בטעות אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד דעם אתרוג פון זיין שטיף-פאָטער, און די מאמע און איר זון האָבן זייער מורא אַז ווען דער טאַטע וועט אַהיימקומען און אויסגעפינען וואָס עס האָט פּאַסירט, וועט ער זיך שטאַרק בייזערן און ער וועט שטרענג באַשטראָפן זיין שטיף-קינד.

איז דער טעפּליקער רב אַהיימגעגאַנגען און געברענגט זיין אייגענעם אתרוג, און ער האָט זיי געזאָגט אַז זיי זאָלן זאָגן פאַר'ן טאַטן, אַז דער רב האָט **פונקט** באַזוכט ביי זיי אין הויז און געזען זיין אתרוג, און ער האָט גע'פּסק'ענט אַז עס איז נישט ראוי לברכה, און ער האָט אים געגעבן אַן אַנדערן אתרוג, אַז ער זאָל קענען יוצא זיין די מצוה פון נטילת ד' מינים כתיקונה...

אויף דעם זאָגט דער זוהר הקדוש, אַז **דער אתרוג איז אַנטקעגן דאָס האַרץ פון מענטש, ווייל דער אויבערשטער גליסט מער אין אַ ריינעם האַרץ** (דאָס מיינט, מיט גוטע מידות), **ווי אין אַ ריינעם מהודר'דיגן אתרוג אָן פלעקן...**

הרה"ק רבי מרדכי'לע נעשכיזער זי"ע פלעגט שפּאָרן במשך פון גאַנצן יאָר אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה, כדי ער זאָל האָבן געלט צו קויפן אַ מהודר'דיגן אתרוג. אַמאָל ווען ער איז געוועז אויפ'ן וועג צו קויפן דעם אתרוג, האָט ער געהערט ווי אַ איד וויינט מיט ביטערע טרערן. האָט ער אים געפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט, און דער איד האָט געענטפערט, איך ארבעט פאר פרנסה אַלס בעל עגלה, פירנדיג פעקלעך און אַרטיקלען פון איין אָרט צום אַנדערן. אָבער יעצט איז דאָס פערדל פּלוצלינג אָפּגעשטאָרבן און איך בין געבליבן אָן קיין פרנסה. האָט הרה"ק רבי מרדכי'לע אים געפרעגט וויפיל געלט ער דאַרף האָבן צו קויפן אַ ניי פערדל, און דער דאָרפסמאַן האָט געזאָגט אַ גרויסן סכום געלט, כמעט וויפיל רבי מרדכי'לע האָט צוגעגרייט צו קויפן דעם אתרוג.

אַלזאָ, דער הייליגער נעשכיזער האָט נישט צופיל געטראַכט, ער האָט אַרויסגענומען דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט צוגעגרייט צו קויפן דעם אתרוג, און עס דערלאַנגט פאַר דעם אָרימען בעל עגלה. מיט די געציילטע פּרוטות וואָס זענען איבערגעבליבן, האָט ער געקויפט אַן אתרוג וואָס איז כשר 'בדיעבד', און איז אַהיימגעגאַנגען מלא שמחה, זאָגנדיג פאַר זיינע בני בית: **אַלע אידן וועלן יום טוב בענטשן אויף אַ מהודר'דיגן אתרוג, אָבער מיר וועלן בענטשן אויף אַ שיין פערדל...**

אַן ענליכע זאַך האָט פּאַסירט ביי הרה"ק רבי אורי'לע סטרעליסקער זי"ע, באַקאַנט אַלס דער 'שרף'. ער איז געווען אויף יום טוב סוכות ביים הייליגן רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע. ביים דאַווענען שחרית, האָט דער רבי ר' אלימלך מרגיש געווען ברוח קדשו אַז דעם סטרעליסקער'ס אתרוג שמעקט מיט אַ ריח פון גן עדן... איז ער צוגעגאַנגען צו אים און אים געפרעגט ווי אַזוי ער האָט זוכה געווען דערצו. האָט דער סטרעליסקער דערציילט אַז ער האָט אַוועקגעגעבן פאַר אַן אָרימאַן דאָס געלט וואָס ער האָט צוגעגרייט צו קויפן אַן אתרוג. האָט דער רבי ר' אלימלך געזאָגט:

**אויף** אַן אַנדער אָרט (שם פי"ג) שרייבט דער 'יסוד ושורש העבודה', גיט אַ קוק, וועט איר זען ווי חשוב עס זענען די אידן וואָס זענען מקיים די מצוה פון הכנסת אורחים' אין די סוכה, זיי זענען נוחל און מנחיל די גאולה און חירות פאַר זיך און זייערע קינדער נאָך זיי לדורות עולם. די שכינה רוהט אויף אים אַ גאַנצן טאָג, ער זיצט אין שאָטן פון די סוכה, און די הייליגע אבות קומען פאַרברענגען מיט אים אונטער דעם שאָטן פון די סוכה, און זיי פרייען זיך מיט אים ווען ער פאַרטיילט פאַר די אָרימעלייט וואָס זענען 'הגונים ובני תורה'[א].

**אַזוי** שרייבט אויך דער של"ה הקדוש זי"ע (מסכת סוכה, נר מצוה, ח) אַז דער כלל איז, דער מענטש זאָל צו ערשט איינלאַדן די 'אושפיזין' אַריינצוקומען אין סוכה, און דערנאָך זאָל ער געבן אַ פאַרציע פאַר די אָרימעלייט

---

**- יעצט פאַרשטיי איך שוין ווי אַזוי אַן אתרוג, אויך אויב עס איז 'בדיעבד', קען שמעקן מיט אַ ריח פון גן עדן...**

**י.** די גמרא זאָגט (ע"ז ג.) אַז לעתיד לבוא וועט דער אויבערשטער זאָגן צו די גוים וואס זיי וועלן טענה'ן פאַרוואָס מ'האָט זיי נישט געגעבן די תורה, אַז עס איז דאָ אַ 'מצוה קלה' וואָס רופט זיך 'סוכה', גייט און בויט פאַר זיך סוכות. וועט יעדער גוי גיין און בויען אַ סוכה **אויפ'ן דאַך**, און דער אויבערשטער וועט מאַכן עס זאָל זיין זייער הייס, אַזוי ווי אין חודש תמוז, און אלע גוים וועלן צושטויסן זייער סוכה און אַרויסגיין דערפון.

זאָגן די ספרים בדרך מליצה, פאַרוואָס עפּעס וועלן די גוים בויען סוכות 'אויפ'ן דאַך'? איז דער תירוץ, **ווייל זיי ווילן נישט אַז די אָרימעלייט זאָלן דאָרט קענען אַריינקומען מיטעסן...** אָבער אידן בויען זייערע סוכות אין הויף (וואָס איז געוויינליך אַן אָפענע פלאַץ פאַר יעדן איינעם), כדי אַז יעדער זאָל קענען אַריינקומען אין סוכה און עסן דאָרט אַ סעודה.

### מן הבאר

איינער פון די צדיקים האָט אַמאָל געזען ווי איינער פון זיינע חסידים שטייט לאַנגע שעה'ן און זוכט אַ מהודר'דיגן אתרוג **סוכות שחל בשבת** (ווען דאָס שאָקלען לולב אין צווייטן טאָג יום טוב איז דאַן נאָר 'מדרבנן'). פון דער אַנדערער זייט, האָט יענער נישט אַזוי מקפיד געווען מקיים צו זיין דעם מאמר חז"ל (פסחים קט.) אַז יעדער מאַן און טאַטע איז מחויב צו דערפרייען זיינע בני בית און די קינדער אין יום טוב... (זע שולחן ערוך או"ח סי' תקכט, ס"ב, ווי אַזוי מ'דערפרייט זיי. פאַר די קליינע קינדער, גיט מען זיסקייט און ניסלעך, און פאַר די ווייבער, קויפט מען קליידער און צירונג, לויט וויפיל מ'קען זיך ערלויבן). האָט דער צדיק געזאָגט צו דעם חסיד:

**- דו ביזט פאַרנומען מיט אַ מצוה דרבנן, פאַרוואָס זעסטו נישט מקיים צו זיין אַ מצוה מן התורה?!...**

אַ מורא'דיגע מעשה ווערט דערציילט וועגן דעם גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, אַז אין צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען ער איז געווען אין גלות אין דער רוסישער שטאָט סנאָבסק, איז נישט געווען צו באַקומען קיין אתרוגים. דער 'חפץ חיים' האָט באַקומען אַן אתרוג פון אַ יאָר פריער, און בלית ברירה האָט ער יוצא געווען דערמיט די מצוה פון ארבעה מינים. יום טוב אינדערפרי האָט ער געמאַכט די ברכה אויף די 'ארבעה מינים', אָבער ביי הלל, האָט ער נישט געוואָלט נוצן די אַרבעה מינים פאַר די 'נענועים', זאָגנדיג, אַז ער וועט דערמיט גורם זיין צער און חלישות הדעת פאַר די אַנדערע מתפללים אין ביהמ"ד, וועלכע ווילן אויך מאַכן 'נענועים', אָבער זיי האָבן נישט די ארבעה מינים. **גורם צו זיין אַ צער און חלישות הדעת פאַר אַנדערע רירט אָן עשין און לאוין פון דער תורה, אין דער צייט וואָס צו מאַכן די 'נענועים' איז נאָר אַ מנהג** - טאַקע אַן אַלטער הייליגער מנהג, אָבער פאָרט, נאָר אַ 'מנהג', און ממילא, קען מען זיך באַגיין אָן צו מאַכן די 'נענועים'... ('החפץ חיים חייו ופעלו', ח"ג, ע' תתקכב)

**יא.** דאָס איז ספּעציעל גילטיג אין ערשטן טאָג פון יום טוב סוכות, ווען עס איז די 'אושפיזא' פון אברהם ע"ה, דער ערשטער גרויסער מכניס אורחים.

הרה"ק רבי אליעזר'ל דזיקובער זי"ע האָט שטאַרק מקפיד געווען צו האָבן אַ גאַסט דעם ערשטן טאָג יום טוב, ווען עס איז די אושפיזא פון אברהם אבינו ע"ה. איין יאָר זענען נישט געווען קיין געסט, און דער דזיקובער רב האָט געהייסן זיין זון, הרה"ק בעל 'אמרי נועם' זי"ע, ער זאָל אַרויסגיין אויפ'ן גאַס זוכן אַן אָרימאַן וואָס האָט נישט וואָס צו עסן, און אים איינלאַדן צו קומען צו אים אין סוכה פאַר די סעודה. איז דער 'אמרי נועם' אַרויסגעגאַנגען זוכן אַן אָרימאַן, און נאָך לאַנגע זוכענישן האָט ער געטראָפן אַ שיכור וואָס וואַלגערט זיך אין די מיסטן. האָט ער

וואס זיצן אַרום זיין טיש, און אויב ער האָט נישט ביי זיין טיש קיין אורחים, זאָל ער שיקן די עסן צו די אָרימעלייט אַהיים, ווייל דאָס איז זייער חלק וואָס עס קומט זיי.

### למען ידעו דורותיכם - עיקר מצות סוכה איז אַריינצוברענגען אמונה

"**בסוכות** תשבו שבעת ימים כל האזרח בישראל ישבו בסוכות, למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים, אני ה' אלוקיכם" (ויקרא כג, מב-מג).

**עס** זענען דאָ מצוות אין דער תורה, וואָס אויב מ'האָט נישט אין זינען געהאַט ווען מ'האָט מקיים געווען די מצוה, האָט מען נישט יוצא געווען די מצוה, און עס זענען דאָ מצוות וואס מען איז יאָ יוצא די מצוה, אַפילו אויב מ'האָט נישט אין זינען געהאַט מקיים צו זיין די מצוה (זע שו"ע או"ח סי' ס', און אין די פוסקים דאָרט).

**ביי** מצות סוכה, זאָגט דער ב"ח (ריש סי' תרכה) אַז יעדער איינער איז מודה אַז מ'דאַרף אין זינען האָבן בשעת מ'זיצט אין סוכה, יוצא צו זיין די מצוה, ווייל דער פסוק זאָגט דאָך, למען 'ידעו דורותיכם' - ענקערע דורות זאָלן 'וויסן' אַז זיי זיצן אין סוכה.

**דאָס** איז צוליב דעם ווייל דער עיקר מצות סוכה איז אַריינצוברענגען אמונה אינעם מענטש[יב], ער זאָל גלייבן אין דעם אויבערשטען, אַז ער איז דער וואָס האָט באַשאַפן און ער פירט די גאַנצע וועלט[יג]. ווען דער אויבערשטער האָט געוואָלט, האָט ער משעבד געווען אידישע קינדער אונטער די הענט פון די מצריים, און ווען ער האָט געוואָלט, האָט ער זיי אַרויסגענומען פון גלות מצרים. אַזוי וועט דער מענטש פאַרשטיין וויפיל טובות דער אויבערשטער טוט מיט אים, און אַז אַלעס וואָס פאַסירט מיט אים, איז פאַר זיין טובה. דער מענטש געפינט זיך אייביג אין "גוטע הענט"...

**אַזוי** שרייבט דער רשב"ם ז"ל, אויפ'ן פסוק 'למען ידעו דורותיכם': כדי איר זאָלט געדענקען, אַז איך האָב אַריינגעזעצט אידישע קינדער אין מדבר פערציג יאָר, אָן אַ ישוב און אָן אַ נחלה. און אַזוי וועט איר לויבן און דאַנקען דעם אויבערשטען וואָס ער האָט אייך

---

פאַרשטאַנען אַז יענער האָט נישט וואו צו עסן די סעודת יום טוב, און ער האָט אים געברענגט צו זיין טאַטן אין סוכה, וואו מ'האָט אים געגעבן צו עסן אַלע געשמאַקע מאכלים לכבוד יום טוב, 'ברבורים ושליו ודגים'. האָט דאן דער דזיקובער רב געזאָגט: **ביי אברהם אבינו ע"ה זענען די געסט נישט געווען בעסער ווי דער פאַרשוין**... נאָר מיט זיין גוטהאַרציגקייט האָט ער אַריינגענומען יעדן גאַסט, אין וועלכן מצב ער זאָל זיך נאָר נישט געפינען. מיר דאַרפן כאַטש אין דעם טאָג, די אושפיזא פון אברהם, גיין אין זיינע וועגן, און זיך פירן אַזוי ווי ער האָט זיך געפירט.

**יב.** עס איז באַקאַנט, אַז 'ידיעה' איז אַ העכערע מדריגה ווי 'אמונה'. נישט נאָר גלייבט דער מענטש, נאָר ער ווייסט קלאָר אַז עס איז ריכטיג. אויף דעם זאָגט דער פסוק, למען **'ידעו'** דורותיכם, ווייל **דורך מצות סוכה קען מען צוקומען צו די העכסטע מדריגות אין אמונה**, ביז צו די מדריגה פון 'ידיעה'.

אַזוי שרייבט דער 'קרן לדוד' (מועדים, סוכות, אות יב) אַז דער וואָס זיצט אין סוכה לשם שמים, שפירט די עצם קדושה מיט אַ התלהבות און פלאַם פייער. ער שפירט די הארה פון דער מצוה, **ער ווייסט קלאָר** אַז מיר האָבן זוכה געווען אַרומגענומען צו ווערן פון די ענני הכבוד. 'ואי אפשר להסביר הדברים להבינם' - **מ'קען דאָס נישט מסביר זיין**... נאָר אויב דער מענטש איז קלוג, פאַרשטייט ער אַליין אַז דאָס אַלעס איז ריכטיג.

**יג.** מיט דעם, קען מען פאַרשטיין פאַרוואָס מיר געפינען אַ סאַך מאָל ביי סוכה, דאָס לשון **'צל'** - אַ שאָטן, ווי די גמרא זאָגט (סוכה ב.) אַז ווען דער מענטש זיצט אין אַ סוכה וואָס איז נידעריגער פון 20 איילן, זיצט ער 'בצל סוכה', אונטער דעם שאָטן פון די סוכה. אויך אין זוהר הקדוש (ח"ג, קג:) ווערט די סוכה אָנגערופן **'צילא דמהימנותא'** - דער שאָטן פון אמונה. דאָס איז אַ רמז, אַז פונקט אַזוי ווי עס איז נישט דאָ אַ מציאות אויף דער וועלט צו שטיין אַנטקעגן די זון אָן די שאָטן (דער שאָטן איז אַן אומטיילבאַרער חלק פון מענטש), אַזוי איז אמונה אַן אומטיילבאַרער חלק פון גאַנצן מציאות פון לעבן פון מענטש. די אמונה איז דאָס עצם לעבן, ווי דער פסוק זאָגט (חבקוק ב, ד) 'וצדיק באמונתו יחיה'. דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה. וועגן דעם זיצט מען אין 'שאָטן' פון די סוכה ווען מ'זיצט אין סוכה, צו געדענקען אַז דער פנימיות'דיגער תוכן פון זיצן אין סוכה, וואָס איז 'למען ידעו דורותיכם', איז אַזוי ווי דער 'שאָטן' - 'ה' צלך'.

גענעבן די נחלה, און הייזער וואָס זענען פול מיט אַלעם גוטן. און אַזוי וועט איר נישט טראַכטן, 'מיט מיין אייגענעם כח האָבן איך געמאַכט דאָס גאַנצע פאַרמעגן'.

**דער** גאון בעל "ערוך לנר" זצ"ל (סיום מס' סוכה, נדפס בסוף המסכתא) זאָגט אויף די הלכה אַז אַ סוכה וואָס איז העכער פון 20 איילן איז פסול, וואָס די גמרא (סוכה ב.) גיט-אָן דעם טעם דערפאַר, ווייל ווען די סוכה איז העכער פון 20 איילן, זיצט מען אונטער דעם שאָטן פון די ווענט, און נישט אונטער דעם שאָטן פון דער סוכה.

**זאָגט** דער "ערוך לנר", די ווענט וואָס רינגלען אַרום די סוכה זענען מרמז אויף עניני עולם הזה, וואָס נעמען אַרום דעם מענטש פון אונטן, אָבער מענטש וואָס האָט שכל, הייבט אויף זיינע אויגן, ווייל ער ווייסט אַז דער עיקר פון די סוכה איז דער 'סכך'. דאָס הייסט, די השגחה העליונה האַלט אַן אויג אויף אים, און ער גלייבט אַז דער אויבערשטער ברוך הוא שטעלט-צו אַלע זיינע באַדערפענישן אין יעדע צייט. דער עיקר פון מצות סוכה איז, צו דערמאָנען דעם מענטש אַז דעם אויבערשטען'ס וואָלקן שוועבן איבער אים. און צוליב דעם איז פסול אַ סוכה וואָס איז העכער פון 20 איילן, ווייל דעמאָלט זיצט דער מענטש אונטער דעם שאָטן פון די ווענט, און נישט אונטער דעם שאָטן פון סכך. דאָס איז אַ רמז, אַז דער וואָס רעדט זיך איין אַז זיין הילף קומט פון ענינים פון עולם הזה, איז ער נישט באַוויליגט פאַר דעם אויבערשטען[יד].

**אויף** דעם זאָגן חז"ל (סוכה ב.) 'צא מדירת קבע, ושב בדירת עראי', ווי הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע זאָגט (סוכות תרמ"ה, ד"ה "מצות") 'מצות הסוכה הוא מדת הבטחון בהשם יתברך'. די מצוה פון סוכה קומט אונז צו לערנען די מדה פון בטחון אין דעם אויבערשטען, ווי חז"ל זאָגן, 'צא מדירת קבע'. דער מענטש זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיין אייגענעם רייכטום, נאָר אויף דעם אויבערשטען[טו]. און וועגן דעם איז סוכות 'זמן

---

**יד.** די פוסקים שרייבן, אַז ווען מ'מאַכט די ברכה אויפ'ן לולב, האַלט מען דעם אתרוג איבערגעדרייט (או"ח סי' תרנ"א, ס"ד). דאָס לערנט אונז, אַז ווען דער מענטש געפינט זיך אין אַ מצב וואָס איז **'מיט'ן פיטום אַראָפּ', איז אַ שעת הכושר צו מאַכן די ברכה...** ווייל מ'גלייבט אַז אַלעס איז לטובה, און אַלעס וועט ווערן איבערגעדרייט צום גוטן.

דאָס איז אויך מרומז אין דעם מנהג צו מאַכן 'נענועים' ביי הלל, ווי עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (סי' תרנ"א, ס"ח) אַז מ'פירט זיך צו שאָקלען דעם לולב ביים זאָגן די ווערטער 'הודו לה'', און דער 'משנה ברורה' ברענגט (שם סקל"ז) אַז יעדעס מאָל ווען מ'שאָקלט דעם לולב אויף איין זייט, זאָל מען זאָגן איין וואָרט. קומט אויס, אַז ווען מ'שאָקלט 'אַראָפּ', זאָגט מען דאָס וואָרט 'לעולם', און ווען מ'שאָקלט אין דער ריכטונג 'אונטער זיך', זאָגט מען 'חסדו'. דאָס קומט צו לערנען דעם מענטש, אַז אויב ער געפינט זיך חלילה 'אַראָפּ' אָדער 'פון אונטן'... זאָל ער אַלץ געדענקען אַז 'לעולם חסדו'... און אויך אין אַזאַ מצב, האָט דער אויבערשטער אים נישט פאַרלאָזט.

**טו.** די משנה זאָגט (סוכה ט:) 'העושה סוכתו תחת האילן כאילו עשאה בתוך הבית'. דער וואָס מאַכט זיין סוכה אונטער אַ בוים, איז גלייך אַזוי ווי ער וואָלט עס געבויט אין הויז. זאָגן די ספרים, אַז די דאָזיגע צוויי פסול'ע סוכות ('תחת האילן', און 'בתוך הבית') זענען ענליך אין זייער מהות. דער תכלית פון מצות סוכה איז דאָך כדי צוצוברענגען דעם מענטש צו אמונה אינעם באַשעפער, און וועגן דעם דאַרף די סוכה זיין אונטער דעם הימל, 'אָן אַ הפסק', צו לערנען דעם מענטש אַז ער דאַרף זיין אָנגעוויזן נאָר אויף דעם באַשעפער ברוך הוא, ער זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיין אייגענעם כח. אַזוי אַרום וועט ער נישט זוכן שוץ אונטער זיין 'הויז' אָדער אונטער זיין 'בוים', נאָר ער וועט זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען, און זוכן די שטערן וואָס שיינען אויפ'ן הימל, און זיי שיינען אַריין אין די סוכה פון יעדן איד.

צוליב דעם זאָגט דער ירושלמי (סוכה פ"ב, ה"ג) אַז לכתחילה איז מער אויסגעהאַלטן מ'זאָל קענען זען די שטערן פון די סוכה, ווייל **אַזוי וועט דער מענטש טרעפן די לעכטיגקייט פון אמונה** 'מתוך החושך' - פון דער פינצטערניש.

ביי די חתונה פון הרה"ק מסאַטמאַר זי"ע, האָט זיין טאַטע, הרה"ק בעל 'קדושת יום טוב' זי"ע, אים געזאָגט דברי התעוררות פאַר די חופה. צווישן אַנדערן, האָט דער 'קדושת יום טוב' געזאָגט: מ'שטעלט די חופה אונטער דעם הימל. קען מען זאָגן אַ טעם דערפאַר, ווייל די גמרא זאָגט (סוכה ב:) אויף דעם פסוק (ישעיה ד, ו) **'וסוכה** תהיה לצל יומם', אַז באמת וואָלט דער פסוק געדאַרפט זאָגן **'וחופה** תהיה לצל יומם', און די גמרא פירט אויס, אַז

מ'לערנט אַרויס פון דעם 2 לימודים (מ'לערנט אויך אַרויס אַז די סוכה דאַרף קענען דינען אַלס אַ שאָטן, און וועגן דעם איז עס פסול אויב עס איז העכער ווי 20 איילן, עיי"ש).

האָט דער 'קדושת יום טוב' געזאָגט צו זיין זון, דעם חתן, דער סאַטמאַרער רב, אַז מ'קען פארשטיין די שייכות פון סוכה צו חופה, ווייל די סוכה דאַרף דאָך זיין 'תחת כיפת הרקיע' - אונטער דעם הימל. דאָס איז אַ רמז, אַז **ביי אַלע פּאַסירונגען דאַרף דער מענטש אויפהייבן זיינע אויגן צום הימל, און ער זאָל וויסן אַז אַפילו אַ קלייניגקייט פּאַסירט נישט אויף דער וועלט, אויב מ'האָט נישט קודם אויסגערופן וועגן דעם אין הימל.** און אַזוי זאָגט טאַקע די גמרא: 'צא מדירת קבע ושב בדירת עראי' - דער מענטש זאָל **אַרויסגיין פון דעם געדאַנק אַז די וועלט האָט אַ 'קביעות' ביי אים. ער זאָל געדענקען אַז עס איז נישט מער ווי אַ 'דירת עראי', און דעריבער איז דער עיקר צו גלייבן אַז אַלעס ווערט געפירט פון הימל.**

דאָס זעלבע איז מיט די חופה. מ'שטעלט די חופה אונטער דעם הימל. עס איז נישט דאָ אַ הפסק און אַ 'חציצה' צווישן די חופה און דעם הימל. מיט דעם וויל מען מרמז זיין פאַר דעם חתן, דו גייסט דאָך אויפשטעלן אַ לעכטיגע אידישע שטוב, אַ בית נאמן לה' ולתורתו. **הייב-אויף דיינע אויגן צום הימל, וועסטו וויסן אַז דער איינציגער אויף וועמען דו קענסט זיך פאַרלאָזן, איז דער באַשעפער אין הימל.**

דער 'קדושת יום טוב' האָט אויסגעפירט צו זיין זון, דעם חתן, דער סאַטמאַרער רב:

- דו זאָלסט נישט טראַכטן אַז דו פאַרלאָזסט זיך אויף מיר, דיין טאַטע, אָדער אויף דיין שווער, א.ד.ג. נישט מיר וועלן דיך שפּייזן, נאָר דער אויבערשטער, דער דערבאַרימדיגער פאָטער וועלכער שפּייזט מיט זיין גרויסן חסד די גאַנצע וועלט. ער וועט דיר געבן אלעס וואס די דארפסט אין יעדער צייט (ויהי לפלא, אַז דער 'קדושת יום טוב' זי"ע איז טאַקע נסתלק געוואָרן תיכף נאָך די שבע ברכות פון סאַטמאַרער רב זי"ע, אַזוי אַז ער האָט אים טאַקע נישט געקענט שטיצן מיט פרנסה).

מיר האָבן געהערט פון אַ גוטן ידיד אונזערע, אַ חשוב'ער איד, אַז ער האָט געהערט די מעשה פון דעם בעל העובדא, אַ חשוב'ער יונגערמאַן, אַ תלמיד חכם בן תלמיד חכם, בן בנו של תלמיד חכם, וועלכער האָט אינמיטן סדר הלימוד פּאַרמיטאָג, פּלוצלינג געשפּירט שטאַרקע ציין ווייטאָג. ווענדיג אַז זיין מאמע, וועלכע וואוינט אין ביתר, האָט אַ וואונדערליכע 'פּיל' וואָס באַרואיגט ציין-ווייטאָג אויף אַ וואונדערליכן אופן, איז ער אַרויס פונעם היכל פון 'כולל', און זיך פאַרבונדן צו דער היים פון זיינע עלטערן, בעטנדיג פון זיין מאמע זי זאָל אים שיקן דעם מעדיצין צו זיין 'כולל' אין ירושלים, און איז צוריקגעגאַנגען לערנען.

ווען ער האָט געענדיגט לערנען, און דער מעדיצין איז נאָך אַלץ נישט אָנגעקומען פון ביתר, האָט ער זיך פאַרבונדן מיט זיין מאמע, און געפרעגט אויב זי האָט אים געשיקט דעם מעדיצין פאַר זיין ציין ווייטאָג. האָט זי געענטפערט אַז יאָ, זי האָט עס געשיקט מיט אַ 'מעסענדזשער' וואָס דאָס איז זיין ארבעט, צו פירן פּעקלעך פון איין אָרט צום אַנדערן. האָט ער טעלעפאָנירט דעם 'מעסענדזשער', און יענער האָט געזאָגט אַז עס שוין אָנגעקומען צום באַשטעלטן אַדרעס... האָט דער יונגערמאַן געזאָגט, "איך האָב דאָך קיינמאָל נישט באַקומען דעם מעדיצין"... האָט דער שליח געענטפערט, "איך האָב זיך פאַרבונדן מיט דעם טעלעפאָן וואָס מ'האָט מיר געגעבן, און איך האָב עס אים איבערגעגעבן..."

אַלזאָ, עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער שליח האָט געהאַט אַ 'טעות' מיט איין נומער פונעם טעלעפאָן, ער האָט זיך פאַרבונדן מיט'ן אַ טעלעפאָן וואו דער לעצטער נומער איז געווען איין נומער אָפּגערוקט פון דעם נומער פון אונזער יונגערמאַן... נו, דער מעדיצין איז אָנגעקומען צו אַ יונגערמאַן וואָס לערנט אין אַ דערנעבנדיגער כולל פונעם כולל וואו אונזער יונגערמאַן לערנט, און די מעשה איז געווען, אַז ער האָט באַדאַנקט דעם שליח מיט'ן גאַנצן האַרץ, דערציילנדיג, אַז לעצטנס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקע ציין ווייטאָג, ממש נישט צום אויסהאַלטן, און ער האָט מתפלל געווען צום אויבערשטן: טייערער טאַטע אין הימל, דערבאַרים דיך אויף מיר און נעם אָן מיין בקשה, און שיק מיר וואָס פריער אַ מעדיצין איינצושטילן דעם שרעקליכן ווייטאָג וואָס שטעכט מיין גאַנצן קערפּער... אין יענער מינוט ממש, האָט מען טעלעפאָנירט צו אים און אים געמאָלדן אַז מ'האָט פאַר אים א ספּעציעלע 'פּיל' פאַר ציין ווייטאָג... האָט ער עס גערן גענומען, און עס איז אים בעסער געוואָרן...

ווען מ'האָט אים געפרעגט, וואָס האָסטו געטראַכט, ווי אַזוי האָט דער נס פּאַסירט?... ווי אַזוי האָסטו נישט אין אַכט גענומען אַז דאָ איז געשעהן עפּעס אַ טעות?... האָט דער יונגערמאַן געענטפערט: "דעם אמת געזאָגט, כ'האָב נישט געטראַכט... מיינע יסורים פון די ציין ווייטאָג האָבן מיך פּשוט אַראָפּגעפירט פון זינען..."

אויסער די וואונדערליכע השגחה פרטית וואָס מ'האָט דאָ געזען, ווי דער אויבערשטער האָט געברענגט די ישועה פאַר דעם יונגערמאַן, אויף אַן אופן אַז אַ צווייטער האָט באַקומען אַ 'צוין ווייטאָג' (אויף אַן עטוואָס לייכטערן אופן), און דער זאָל זיך פאַרבינדן טעלעפאָניש מיט זיין מאמע, וועלכע וועט אים שיקן אַ מעדעצין, וואָס וועט אָנקומען פאַר דעם צווייטן יונגערמאַן, וואָס לערנט אין אַ דערנעבנדיגן בנין..... און נאָך מער: זייערע טעלעפאָן-נומערן זענען געווען וואונדערליך ענליך איינער צום אַנדערן... לערנען מיר אין צוגאָב דערצו, אויף דעם כח פון תפילה פון טיפן האַרצן, און מיט אַן אמת'ע כוונה. אָבער לענינינו, האָט דער 'מספר' פון די מעשה צוגעלייגט בדרך מליצה, אַז מ'קען אפשר זאָגן, אַז דער חילוק צווישן ביידע יונגעלייט איז, וואָס דער ערשטער יונגערמאַן (טאַקע אַ חשוב'ער יונגערמאַן, אָבער ער) האָט זיך פאַרלאָזט אויף ... **זיין מאמע**, און דער צווייטער האָט זיך פאַרלאָזט **אויפ'ן אויבערשטען...**

דעם לימוד פון די צוויי וויכטיגע פונקטן, קענען מיר אויך לערנען פון נאָך אַ וואונדערליכע מעשה, וואָס מיר האָבן געהערט פון דעם בעל העובדא אַליין, וועלכער פאַרקויפט קאָמפּיוטער פּראָגראַמען פאַר ישיבות.

עטליכע יאָר צוריק איז דער איד פאַרבעטן געוואָרן אין אַ ישיבה, צו ווייזן פאַר דער הנהלה פון דער ישיבה דעם פּראָגראַם. וועלנדיג ווייזן פאַר דער הנהלה ווי אַזוי מ'קען אָפּדרוקן אויף אַ 'פּרינטער' אַדאַנק זיין פּראָגראַם, 'בריוון' צו די עלטערן פון די תלמידים אויף אַן אויטאָמאַטישן אופן. ער האָט גענומען די ליסטע פון די תלמידים וואָס האָבן זיך איינגעשריבן פאַר'ן נייעם יאָר צו לערנען אין דער ישיבה, און האָט אָפּגעדרוקט אַ באַשטעטיגונג פון אַ 'קבלה' ("רעסיט") פאַר איינעם פון די נעמען אויף דער ליסטע.

ווען דער משגיח פון דער ישיבה האָט געזען דאָס געדרוקטע צעטל, האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל, 'דרך אגב', אַז דער דאָזיגער בחור איז בכלל נישט אָנגענומען געוואָרן אַלס תלמיד אין דער ישיבה... באמת, איז עס דאָך אָבער נישט קיין נפקא מינה, ווייל מ'האָט דאָך אָפּגעדרוקט דעם 'רעסיט' נאָר אַלס אַ ביישפּיל, צו ווייזן פאַר די הנהלה פון די ישיבה ווי אַזוי דער פּראָגראַם אַרבעט...

צוויי טעג שפּעטער, האָט אַ באַאַמטער אין אָפּיס פון דער ישיבה אָפּגעדרוקט די בריוון צו לאָזן וויסן פאַר די גליקליכע עלטערן אַז זייערע קינדער זענען אָנגענומען געוואָרן אין ישיבה, און אַ צווייטער איינגעשטעלטער אין ישיבה אָפיס, האָט אַריינגעלייגט די צעטלעך אין קאָנווערטן, און עס אָפּגעשיקט צו די אַדרעסן פון די בחורים. ווען יענער האָט געזען נאָך אַ 'קבלה' ליגן אויפ'ן טיש, האָט ער עס אויך אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט, און אָפּגעשיקט צו דער היים פון יענעם בחור...

אַ טאָג שפּעטער, האָט דער משגיח פון די ישיבה טעלעפאָנירט צו דעם איד וואָס האָט פאַרקויפט דעם פּראָגראַם פאַר די ישיבה, און אים געזאָגט: "דו האָסט נישט קיין אַנונג וואָס דו האָסט מיר דאָ אָפּגעטוהן... מיר האָבן אַסאַך באַהאַנדלט דעם ענין פון יענעם בחור, און נאָך אַ לענגערע 'שקלא וטריא' האָבן מיר באַשלאָסן נישט אים אַריינצונעמען צוליב אַ צאָל סיבות (די קהילה וואו ער באַלאַנגט, און ענליכע אורזאַכן), כאָטש זיינע עלטערן האָבן געלייגט אַ שטאַרקן דרוק אויף דער הנהלה פון דער ישיבה מ'זאָל אים יאָ אַריינעמען אין ישיבה. נעכטן, האָבן זיינע עלטערן באַקומען דעם בריוו וואָס זאָגט קלאר אַז די הנהלה האָט באַשלאָסן יאָ אים אָנצונעמען אין ישיבה, און מ'שיקט זיי אַפילו אַ 'רעסיט' אויף דעם 'שכר לימוד'... דאָס אַלעס האָט פּאַסירט ווייל דו האָסט אָפּגעדרוקט דאָס צעטל כדי אונז צו ווייזן אַ 'ביישפּיל', און עס איז געשיקט געוואָרן צו די עלטערן, גלייך ווי עס וואָלט געווען ריכטיג..."

דער בחור און זיינע עלטערן האָבן זיך זייער געפרייט, און האָבן זיך שוין געוואָנדן צו די הנהלה וועגן ערלעדיגן די שכר לימוד וכדומה, אָבער דער סעקרעטאַר אינעם אָפיס, האָט זיי געענטפערט, אַז זיי זאָלן אים אַנטשולדיגן, אָבער ער זעט נישט דעם נאָמען פון זייער זון אויף דער ליסטע פון די תלמידים... זיי האָבן זיך אָבער געהאַלטן ביי זייערס, אַז זיי האָבן באַקומען אַ בריוו פון די ישיבה אַז ער איז אָנגענומען געוואָרן... ווען דער סעקרעטאַר האָט זיך געוואָנדן צו דעם משגיח און אים דערציילט דערוועגן, האָבן זיי זיך געכאַפּט פון וואו עס נעמט זיך דער טעות. דער משגיח האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז יעצט קען מען שוין גאָרנישט טוהן... מ'קען נישט מסביר זיין פאַר די עלטערן אַז דאָ האָט נאָר פּאַסירט סתם אַ 'טעות' מיט'ן קאָמפּיוטער פּראָגראַמער, און די ישיבה איז געווען געצוואונגען אַריינצונעמען דעם בחור אין ישיבה.

אַ יאָר שפּעטער, האָט מען ווידער גערופן דעם איד וואָס פאַרקויפט דעם פּראָגראַם, צו דער דערמאַנטער ישיבה, ער זאָל מסדר זיין פאַרשידענע זאַכן ביים פירן די קאָמפּיוטערס מיט זיין פּראָגראַם. ווען דער איד איז געווען אין אָפיס, האָט ער געפרעגט דעם משגיח פון דער ישיבה, אויף אַ דרך אגב'דיגן אופן, וואָס איז געוואָרן מיט דעם בחור וועלכן איך האָב 'אַריינגענומען' אין ישיבה מיט מיין פּראָגראַם... האָט דער משגיח געענטפערט:

שמחתינו', די צייט פון זיך פרייען, ווייל עס איז נישט דאָ אַ שמחה אַזוי ווי די שמחה פון דעם מענטש וואָס פאַרלאָזט זיך באמת אויף דעם באַשעפער, ווי עס שטייט אין ספה"ק "חובות הלבבות". און דעריבער האָט מען מייסד געווען תפילות און הושענות אין דעם יום טוב, צו וויסן אַז אַלע ברכות פונעם גאַנצן יאָר, ווענדן זיך נאָר אין דער הילף פון דעם אויבערשטען[טז].

---

- אשריו, ואשרי יולדתו. מיר זענען דיר שולדיג אַ 'הכרת הטוב', פאַר דעם וואָס דו האָסט גורם געווען פאַר אונז אַריינצונעמען אין ישיבה אַזאַ חשוב'ן בחור ווי ער איז... ער טוט אזויפיל ביישטייערן צום אַלגעמיינעם 'מצב' אין דער ישיבה...

דערציילט אונז דער קאָמפּיוטער פּראָגראַמער, אַז ער האָט שפּעטער איבערגעקוקט די ליסטע פון די תלמידים אין ישיבה, און זעענדיג דעם אדרעס פון דעם בחור, האָט ער באַגריפן אַז דער טאַטע פון דעם בחור איז גאָר אַ איד וועמען ער קען גוט. האָט ער טעלעפאָנירט צום טאַטן פונעם בחור, און אים איבערגעגעבן וועגן דעם 'גוטן גרוס' וואָס ער האָט געהערט פון דעם משגיח וועגן זיין זון.

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער פאָטער פונעם בחור האָט זיך זייער געפרייט צו הערן וועגן דעם. דערנאָך האָט דער איד יענעם געפרעגט: "זאָגט מיר, ווי אַזוי האָט איר טאַקע באַוויזן אים אַריינצושמוגלען אין ישיבה?.. האָט דער טאַטע פונעם בחור אים געענטפערט:

- כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת. דאָ האָט פּאַסירט אַ גרויסער נס... מיר האָבן אַ סאַך געאַרבעט אַריינצולייגן אונזער בחור אין ישיבה, אָבער מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ וואַנט, די קעגנערשאַפט פון דעם משגיח איז געווען אוממעגליך צו באַזיגן. איין נאַכט, זענען מיר געפאָרן - איך און מיין רעביצין - צום כותל מערבי, און מיר האָבן זיך דאָרט גוט אויסגעוויינט פאַר'ן באַשעפער, אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר דאָרט מתפלל געווען פאַר די הצלחה פון אונזער חשוב'ן זון, ווייל מיר האָבן דאָך געוואוסט אַז ער איז גאָר אַ וואוילער בחור, און אַז ער 'פאַרדינט' אָנגענומען צו ווערן אין אַ גוטע ישיבה. מיר האָבן דאָרט אויסגעזאָגט תהלים עטליכע מאָל, און צוויי טעג שפּעטער האָבן מיר באַקומען אַ 'בריוו' פון דער הנהלה פון די ישיבה, אַז אונזער זון איז אָנגענומען געוואָרן אַלס אַ תלמיד אין ישיבה... מיר האָבן זיך תיכף פאַרבונדן מיט'ן סעקרעטאַר, וועלכער האָט לכתחילה געשטאַמלט... אָבער צום סוף האָט ער אונז געמאָלדן, אַז ער האָט גערעדט מיט'ן משגיח, און דער בחור איז אָנגענומען געוואָרן...

דערציילט ווייטער דער איד, אַז זיין 'פּראָגראַם' גיט די מעגליכקייט צו זען אויף יעדן בריוו ווען עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז יענעם טאָג, עלף אַזייגער אינדערפרי, צומאָרגנס נאָך דעם ווי די עלטערן פונעם בחור זענען געשטאַנען ביים כותל מערבי און מתפלל געווען אַז מ'זאָל אָננעמען זייער זון אין ישיבה, איז דער בריוו אַראָפּגעלייגט געוואָרן אויפ'ן טיש אין אָפּיס פון דער ישיבה, און איז דערנאָך אָפּגעשיקט געוואָרן צו זיי 'על פי טעות'...

זעען מיר דאָ די וואונדערליכע השגחה פּרטית פון באַשעפער, ווי ווייט די השגחה העליונה האָט דאָ איבערגעדרייט גאַנצע מערכות, צו דערפילן די ווינטשן פון די עלטערן וואָס האָבן **מתפלל געווען פון טיפן האַרצן** פאַר זייער זון דעם בחור, און **ספּעציעל ווען עס איז אַ תפילה פון עלטערן פאַר דער הצלחה פון זייער קינדער אין תורה און יראת שמים.**

## מן הבאר

די ספרים (אין נאָמען פון הגאון רבי שמשון רפאל הירש זצ"ל) פאַרוואָס די די סכך דאַרף זיין אָפּגעריסן פון דער ערד סוכה, און אויב איז עס באַהאַפטן צו דער ערד דאַן איז די סוכה פסול, ווייל דער וואָס פאַרמאָגט אַ פעלד אָדער אַ הויז, איז דאָך 'איינגעפלאַנצט' און 'באַהאַפטן' צו דער ערד - ער פאַרלאָזט זיך אויף זיינע פאַרמעגנס. וועגן דעם זאָגט מען אים, גיי אַרויס פון דיין הויז אויף זיבן טעג, שווענק אָפּ דיין מח פון די אַלע געדאַנקען, און פאַרוואַנדל דיין דירה אין אַ 'צילא דמהימנותא' - אַ שאָטן פון ריינע אמונה.

**טז.** דער רבינו יונה שרייבט אין זיין ספר "שערי העבודה" (אות יא), אַז **דער וואָס איז מתפלל מיט טרערן, ווערט זיין תפילה געהערט אין הימל**, ווי חז"ל זאָגן 'שערי דמעות לא ננעלו'. די טרערן זענען אַזוי ווי ניסוך המים, וואָס מ'האָט געגאָסן וואַסער אויפ'ן מזבח, ווי דער מדרש זאָגט (ב"ר פע"ח, טז) רבי בון זאָגט, די אַלע יאָרן וואָס

**דאָס** איז דער רמז פון 'ניסוך המים', אין יום טוב סוכות, אַז מ'זאָל זיך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר דעם אויבערשטען, אַזוי ווי וואַסער"[ז].

**צוליב** דעם זענען מיר טאַקע באַפוילן געוואָרן צו זיצן אין די סוכה דייקא אין דער יעצטיגער צייט, 'וחג האסיף תקופת השנה' (שמות לד, כב), ווייל ווען מ'זאַמלט איין די תבואה פון פעלד, איז דאָ אַ מקום פאַר אַ חשש אַז דער מענטש וועט זיך פאַרלאָזן אויף זיינע אייגענע אויפטוהען, און ער וועט חלילה פאַרגעסן אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס שפּייזט די גאַנצע וועלט 'מקרני ראמים עד ביצי כנים', ער שפּייזט אַלע באַשעפענישן, פון גרעסטן ביז'ן קלענסטן. דערפאַר דאַרפן מיר מקיים זיין מצות סוכה, אין דער צייט ווען מ'נעמט אַריין אין הויז די תבואה וואָס איז געוואַקסן אויפ'ן פעלד.

**צילא דמהימנותא - די גרויסע קדושה פון די הייליגע סוכה**

**עס** שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ג קג:) אַז ווען אַ מענטש זיצט אין די סוכה, 'צילא דמהימנותא', שפּרייט די שכינה הקדושה אויס אירע פליגל[יח] אויף אים פון אויבן[יט].

**מורא'דיגע** ווערטער שטייט אין 'זרע קודש', (ליל א' דסוכות): דער מדרש זאָגט (של"ה הקדוש, תולדות אדם שער הגדול, אות ה) אויפ'ן פסוק (תהלים קכא, ה)

---

יעקב אבינו ע"ה האָט זיך געפונען אין בית א-ל, האָט ער זיך נישט צוריקגעהאַלטן פון מקיים זיין ניסוך המים, און **דאָס זענען די טרערן וואָס יעקב האָט געוויינט אין דער צייט ווען ער האָט געדאַוונט אין בית א-ל.** זעען מיר פון די ווערטער פון מדרש, אַז די טרערן זענען אין דער בחינה פון 'ניסוך המים' אויפ'ן מזבח.

**יז.** די גמרא זאָגט (ע"ז ג.) אַז לעתיד לבוא ווען די גוים וועלן טענה'ן צו דעם אויבערשטען אַז ער זאָל אויך פאַר זיי געבן די תורה, 'תנה לנו מראש ונעשנה'. וועט דער אויבערשטער זאָגן צו די גוים, איך האָב אַ גרינגע מצוה וואָס רופט זיך סוכה, גייטס און זייטס מקיים די מצוה. וועלן אַלע גוים גיין און בויען אַ סוכה אויף זייער דאַך, און דער אויבערשטער וועט מאַכן אַז עס זאָל זיין הייס אַזוי ווי אין די תקופה פון תמוז, און יעדער איינער וועט צושטויסן זיין סוכה און אַרויסגיין דערפון.

טייטשן די ספרים, אַז וויבאַלד דער אויבערשטער וועט וועלן אויספרובירן די גוים **אויב זיי גלייבן אין אים**, וועט ער זיי הייסן מקיים זיין מצות סוכה, וואָס ווערט גערופן "צילא דמהימנותא", ווייל עס איז אַ יסוד אין אמונה, און ער וועט זיי וועלן אויספרואוון צי זיי גלייבן אין אים **אין יעדן מצב.** דאָס הייסט, אויך ווען זיי זענען אַרומגענומען מיט 'צייטוויייליגע' ווענט. באמת גלייבן אָבער די גוים, נאָר דעמאָלס ווען זיי געפינען זיך 'אויפ'ן דאַך' - עס גייט זיי גוט, און עס שיינט זיי דאָס מזל. דער אויבערשטער וועט אָבער אַרויסברענגען די זון אַז זי זאָל זיין הייס אַזוי ווי אין חודש תמוז. דאָס הייסט, דער אויבערשטער וועט טוישן זייער מזל פון גוט צו שלעכט, און זיי וועלן פלוצלינג שאָדן האָבן זייער גאַנצן פאַרמעגן, ווייל דער אויבערשטער וועט וועלן זען **אויב זיי האַלטן זיך פעסט ביי די אמונה.** זיי וועלן אָבער שטויסן די סוכה, ווייל ווען עס גייט נישט גוט פאַר דעם גוי, גלייבט ער נישט אין דעם אויבערשטען. מה שאין כן אידישע קינדער, האַלטן זיך אין יעדן מצב ביי זייער אמונה אין דעם אויבערשטען.

**יח.** דער 'אוהב ישראל' (ליקוטים לסוכות) ערקלערט דאָס ענין פון די סוכה, פונקט אַזוי ווי מ'זעט אַ הינדל וואָס קוויטשעט און רופט אירע קינדער, און זי געבט זיי צו עסן, און דערנאָך נעמט זי אַריין די קינדער אונטער אירע פליגל. אַזוי פירט זיך אויך די הייליגע שכינה מיט אונז. אין ראש השנה און יום כיפור, פאַרשרייבט זי פאַר אונז פרנסה און אַ גוט לעבן, און נאָך דעם ווי זי באַשטימט פאַר אונז פרנסה, נעמט זי אונז אַריין אונטער אירע פליגל. דאָס איז דער ענין פון סוכות. די הייליגע מאַמע, די שכינה, באַשיצט אונז מיט אירע פליגל.

הרה"ק רבי הירשעלע זידיטשויב'ער זי"ע האָט געזאָגט אַז דאָס איז מרומז אין די ווערטער פונעם פיוט, 'יחביאנו צל ידו תחת כנפי השכינה'. **יום כיפור דערמאָנט מען און מ'בעט אַ שמירה, אין זכות פון די סוכה.** (ספר 'דרכי חיים ושלום')

**יט.** צו אַט די הויכע מדריגה איז זוכה יעדער איד וואָס זיצט אין סוכה - אפילו איינער וואָס באַטראַכט זיך אַלס אַ פשוט'ער מענטש, ווי דער אַלטער סאַדיגערער רבי, הרה"ק רבי אברהם יעקב זי"ע, האָט געברענגט אַ ראיה פון די ווערטער פון די גמרא (סוכה יב.) אַז פון דעם פסוק (דברים טז, יג) 'באספך מגרנך ומיקבך', זעט מען אַז מ'רעדט פון 'פסולת גורן ויקב'. זעען מיר פון דעם אַז אויך דער 'פחות שבפחותים' - דער נידעריגסטער מענטש, וואָס איז אַזוי ווי 'פסולת', איז אויך זוכה נתעלה צו ווערן אין יום טוב סוכות, און צו זיין אַזוי ווי דער סכך וואָס איז אַ חלק פון די שמות הקדושים פון באַשעפער ברוך הוא.

'ה' צלך', אַז פונקט ווי יעדע תנועה וואָס דער מענטש מאַכט, ווערט די תנועה געזען אויך אין זיין שאָטן, אַזוי איז דער מענטש מעורר מיט זיין אויפפירונג אויף דער וועלט, אַז מ'זאָל זיך אַזוי פירן מיט אים אין הימל.

דאָס איז דער ענין פון די סוכה, וואָס מיר מאַכן אַזוי ווי די סוכה אין הימל, און וועגן דעם ווערט עס אָנגערופן 'צל סוכה', ווייל אונזער סוכה איז אַזוי ווי די 'סוכה עליונה'. דורך דעם וואס מיר בויען אַ סוכה פון העלצער און שטיינער אויף דער וועלט, און איז ער זוכה צו זיצן אין שאָטן פון די סוכה אין הימל, 'והגם שאין ערך ודמיון כלל, עם כל זה מוכרח להיות כן' - און כאָטש ס'איז בכלל נישט אַ פאַרגלייך, אָבער פונדעסטוועגן, מוז עס אַזוי זיין... עכ"ל.

**עם** ווערט געברענגט (הקדמת הרה"ק בעל 'חקל יצחק' זצ"ל הי"ד, לספה"ק 'אמרי יוסף', בראשית, אות ב) **אין נאָמען** פון הרה"ק מהר"ש מבעלזא זי"ע, אַז ער האָט געטייטשט די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין די הושענות ('אום אני חומה'), 'שואגים הושע נא'. פאַרוואָס דאַרפן מיר 'שרייען' הושענא, מיר זאָגן דאָך (תפילות מוסף לר"ה ויוה"כ) 'וכל מאמינים שהוא עונה לחש'?

**האָט** דער בעלזער רב זי"ע געענטפערט, אַז אין ראש השנה און יום כיפור דאַרפן מיר טאַקע דאַווענען שטיל, כדי די מקטרגים זאָלן נישט קענען שטערן אונזערע תפילות אַרויפצוגיין פאַר דעם באַשעפער, אָבער סוכות, ווען מיר זיצן און מיר זענען זיך מתייחד 'בצילא דמהימנותא', זענען די מקטרגים נישט בכח אַריינצוקומען אינווייניג[כ], און ממילא זענען מיר בכח דעמאָלס צו שרייען און בעטן דעם אויבערשטען אַז ער זאָל אונז העלפן, ווייל דעמאָלס איז נישט דאָ ווער עס זאָל שטערן אונזערע תפילות פון אַרויפקומען.

**צדיקים** אין אַלע דורות האָבן טאַקע גאָר שטאַרק אַרויסגעהויבן די גרויסקייט פון מצות סוכה, אַז דורך איר קען מען פטור ווערן פון אַלע שוועריגקייטן

---

ביי די 'נענועים' וואָס מ'מאַכט מיט'ן לולב, זאָגט די גמרא (סוכה לז:) 'מוליך ומביא, מעלה ומוריד'. דאָס איז אַ רמז, אַז אויך אויב אַ איד איז חלילה שוין געוואָרן דערווייטער, ווי אַ **'מוליך'**, קען ער צוריק ווערן אַ **'מביא'**, ער קען זיך אין אַ מינוט צוריקקערן צו זיין שורש אין דער קדושה.

צדיקים האָבן געזאָגט וועגן די גרויסע קדושה פון די סוכה, אַז אויך אַ פשוט'ער מענטש ווערט הייליג מיט איר קדושה, און זיי האָבן עס מרמז געווען אין לשון פון די משנה (סוכה כב.) **'המעובה כמין בית כשרה'** - אַ סוכה וואָס איר סכך איז **'דיק'**, אַזוי ווי אַ הויז, איז אויך כשר. דאָס איז אַ רמז, אַז אויך איינער וואָס גייט אַריין אין דער סוכה מיט זיין גאַנצער 'מגושמ'דיגקייט', און 'גראָבקייט', אַזוי ווי ער איז אין הויז, ווערט ער אויך הייליג פון די קדושה פון די סוכה, אויפ'ן העכסטן אופן.

פון דער אַנדערער זייט, האָט דער קאָצקער רבי זי"ע געזאָגט אויף די ווערטער פון די גמרא (סוכה כה:) 'מצטער פטור מן הסוכה', **וויבאַלד אַ איד זיצט אין 'צילא דמהימנותא', ווי אַזוי איז מעגליך ער זאָל שפּירן אַ צער?** וועגן דעם איז ער פטור פון מצות סוכה, ווייל ער איז נישט מקושר און מחובר צו די הייליגע מצוה פון סוכה.

**כ.** אַזוי זאָגט דער זוהר הקדוש (ח"ג קג., וואָס מיר זאָגן פאַר די תקיעות) **אַז יעקב איז אַנטלאָפן פון עשו אַריין אין די סוכה.**

און אַזוי זאָגט אויך דער אריז"ל ('שער הכוונות', ענין סוכות, דרוש ד, עיי"ש) אַז דער ענין פון דער סוכה איז, וואָס מיר אידן, 'בני מלכים', מאַכן אַ סוכה און מיר זיצן אינעם שאָטן פון יענעם 'אור מקיף', וואָס טוט זיך אויסשפּרייטן אין איר, וואָס נעמט איר אַרום **אַזוי ווי אַ סוכה**, כדי מיר זאָלן ממשיך זיין אויף זיך פון יענעם 'אור מקיף'.

דער 'בני יששכר' שרייבט (תשרי, מאמר י, אות ז) אַז דורך די הארה פונעם 'אור מקיף' אין די סוכה, אַנטלויפן אַלע חיצונים.

דער 'בני יששכר' איז מוסיף לויט דעם, אַז וואָס מער דער מענטש איז מדקדק און מחמיר אין די אופנים פון מקיים זיין די מצוות, שיינט ער וואָס ווייטער מיט זיין 'אור מקיף'. און **ס'איז קלאָר, אַז יעדער איד איז זוכה דערצו ווען ער זיצט אין סוכה, און ס'איז נישטאָ קיין שום חילוק צווישן אַ צדיק גמור וואָס קען די 'סודות התורה', און אַ פשוט'ער איד, וואָס האָט אינזין צו טוהן דעם רצון הבורא דורכ'ן זיצן אין סוכה**, 'בצילא דמהימנותא', ווייל אַלע זענען זוכה געראַטעוועט צו ווערן פון אַלע חיצונים.

און פראבלעמען, ברוחניות[כא] ובגשמיות, און מ'איז זוכה אין זכות פון מצות סוכה, לחיים טובים בשמחה ובשלום, און צו פרנסה בהרחבה.

**דער** כלל איז, אַזוי ווי דער הייליגער טריסקער מגיד זי"ע זאָגט (׳מגן אברהם׳, לסוכות, ד"ה ׳בסוכות תשבו׳), **דורך מצות סוכה וואָס די אידן זענען מקיים, ווערן זיי**

---

**כא.** גאָר גרויס איז די מצוה פון סוכה, און עס איז בכח משפיע צו זיין אַסאַך דערהויבנקייט און קדושה אויף יעדן איד וואָס זיצט אין די סוכה.

**א.** אין זכות פון זיצן אין די סוכה, ווערט מען גערעטעוועט **פון עשו הרשע און פון אַלע כוחות הטומאה,** ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ג קא.) אויפ'ן פסוק (בראשית לג, יז) ׳ויעקב נסע סכותה ויבן לו בית ולמקנהו עשה סוכות, על כן קרא שם המקום סוכות׳. זאָגט דער זוהר, ווען אידן זיצן אין זייערע סוכות, ווערן זיי גערעטעוועט פון די מקטרגים און דער אויבערשטער פרייט זיך מיט זיינע קינדער.

זאָגט הרה"ק בעל ׳אמרי נועם׳ זי"ע אַ רמז (אושפיזא דיעקב, אות א) אַז דאָס וואָרט ׳סכך׳ איז ראשי תיבות **כ**׳י **ס**׳בבוני **כ**׳לבים (תהלים כב, יז), און ׳כלב׳ איז אַ רמז אויף עשו הרשע (זוה"ק ח"ג, קכד.). אַזוי אויך איז סכ"ך מרומז אין די סופי תיבות פון די ווערטער ׳וברו**ב** גאונ**ך** תהרו**ס** קמי**ך**׳ (שמות טו, ז).

**דאָס** (אַז די סוכה היט-אָפּ דעם מענטש מיט אַ שמירה עליונה פון אַלעם בייזן) **איז גע׳זאָגט געוואָרן אויך ׳להלכה למעשה׳,** ווי הרה"ק בעל ׳שם משמואל׳ זי"ע זאָגט (שנת עדר"ת, ד"ה ׳בזוהר הקדוש׳), אַז ער האָט געהערט פון זיין טאַטן, הרה"ק בעל ׳אבני נזר׳ זי"ע, **אַז מ'זאָל נישט לייענען אין די סוכה קריאת שמע שעל המטה,** נאָר די ערשטע פרשה אַליין, **אַזוי ווי פסח ביינאַכט** - ׳ליל שימורים׳.

עס ווערט געברענגט אין ספר ׳מעשה רב׳ (אות רכא), אַז מ'האָט געפרעגט דעם ווילנער גאון זי"ע אויב מ'מעג שלאָפן אַליין אין סוכה, און ער האָט געענטפערט, ׳שומר מצוה לא ידע דבר רע׳.

**ב.** אַ צווייטע סגולה פון סוכה איז, **גערעטעוועט צו ווערן פונעם יצר הרע.** אַזוי שרייבט דער טריסקער מגיד זי"ע (׳מגן אברהם׳, ד"ה ׳וסוכה תהיה׳), אַז סוכ"ה איז ראשי תיבות **סו**׳מך לכל **ה**׳נופלים **ו**׳זוקף לכל הכפופים, ווייל דער וואָס ווערט נכשל מיט אַן עבירה ח"ו און האָט אַ נפילה רח"ל, איז ער ווי ׳איינגעבויגן׳, אָבער דורך די קדושה פון די סוכה, האָבן אַלע איינגעבויגענע מענטשן אַן אויפהייבונג.

דער ׳שפתי צדיק׳ זאָגט (סוכות, אות כז), אויף די גמרא (סוכה ב.) ׳אמרה תורה, **כל שבעת הימים צא** מדירת קבע ושב בדירת עראי׳. פון דעם לשון איז משמע אַז **מ'דאַרף אַלע זיבן טעג אַרויסגיין** פון די ׳דירת קבע׳. לכאורה איז שווער, מ'גייט דאָך אַרויס נאָר איין מאָל, ווייל אין די אַנדערע טעג זיצט מען דאָך שוין אין די ׳דירת עראי׳, וואָס דאָס איז די סוכה?

זאָגט דער ׳שפתי צדיק׳, אַז דאָ איז מרומז, אַז אַלע זיבן טעג דאַרף מען אַרויסגיין פון דעם קביעות'דיגן ׳וואוינען׳ **אין די הבלי עולם הזה,** און די זיבן טעג פון יום טוב סוכות, זענען אַנטקעגן די זיבן נעמען מיט וועלכע ס'ווערט אָנגערופן דער יצר הרע (סוכה נב.), ווייל **יעדער טאָג איז מסוגל אַרויסצונעמען דעם מענטש פון אַן אַנדערע בחינה פונעם יצר הרע.**

**ג.** מ'איז זוכה דורך די סוכה צו **אַ הארה פון קדושה אין שטוב,** אַזוי ווי עס שרייבט הרה"ק בעל ׳שפת אמת׳ זי"ע (סוכות תרל"ז, ד"ה ׳מצות׳), אַז די מצוה פון סוכה ברענגט אַריין אַ ברכה און אַ הארה פון קדושה אינעם הויז פון מענטש.

מיט דעם טייטשט דער ׳שפת אמת׳ דעם פסוק וואָס שטייט ביי די מצוה פון זיצן אין סוכה: ׳למען ידעו דורותיכם׳. ׳דורותיכם׳ איז פון לשון ׳דירה׳, וויבאַלד די מצוה פון סוכה איז אין ׳וואוינען׳, **בלייבט ממילא איבער אַ ברכה פאַר די דירה פון מענטש אויפ'ן גאַנצן יאָר.**

**ד.** דער הייליגער ׳תפארת שלמה׳ זי"ע טייטשט (לסוכות), די ווערטער פון דער משנה (סוכה כח.) **׳מי שהיה ראשו ורובו בסוכה ושולחנו בתוך הבית׳ - דער וואָס זיצט אין סוכה, איז זוכה ממשיך צו זיין גוטע השפעות אויפ'ן ׳טיש׳** (אַ רמז אויף די פרנסה), אַז עס זאָל אים גאָרנישט פעלן אַ גאַנץ יאָר, ווען ער געפינט זיך "בתוך הבית".

מיט דעם, טייטשט דער ׳תפארת שלמה׳, אויך די ווערטער פון די גמרא (סוכה כט.) ׳מנא מיכלא חוץ לסוכה׳ - מצות סוכה איז ממשיך אַ שפע פון פרנסה (׳מנא מיכלא׳) פאַר'ן מענטש, אויך ווען ער געפינט זיך ׳אינדרויסן פון די סוכה׳ - ביי זיך אינדערהיים, אַ גאַנץ יאָר.

אָפּגעהיטן פון אַלעם בייזן, און עס ווערן נמתק אַלע דינים צו ווערן חסדים און רחמים גמורים, און עס ווערן נשפע אַלע טובות און ברכות אויף אַלע אידן בכלל ובפרט, ברוחניות ובגשמיות!

**אויך** זענען די עצם טעג פון יום טוב סוכות, טעג פון רחמים און גרויסע חסדים, ווי דער ווילנער גאון זי"ע שרייבט ('קול אליהו', פ' אמור), אויף די גמרא (סוכה כח:) אַז אויב עס האָט גערעגנט אין יום טוב סוכות, איז עס צוגעגליכן צו אַ קנעכט וואָס קומט אָנגיסן אַ גלאָז פאַר זיין האַר, און ער גיסט אים אָן מיט אַ פלאַש וואַסער אויפ'ן פנים.

**פרעגט** דער ווילנער גאון, פאַרוואָס זאָגט די גמרא אַז ער קומט 'אָנגיסן' אַ גלאָז פאַר זיין האַר, און די גמרא זאָגט נישט בפשטות, אַז דער קנעכט קומט 'געבן' אַ גלאָז פאַר דעם האַר.

**ענטפערט** דער גאון, לויט ווי ס'איז באַקאַנט אַז ראש השנה און יום כיפור זענען טעג פון דין, און דערנאָך קומען די טעג פון יום טוב סוכות, ווען מ'נעמט אין האַנט די ארבעה מינים און מ'זיצט אין סוכה, און די טעג זענען טעג פון רחמים, ממתיק צו זיין די דינים דורך די מצוות וואָס נעמען אונז אַרום, און וואָס מיר פילן אָן אונזערע הענט מיט ברכות אין יענע טעג...

**זאָגט** דער גאון, ס'איז דאָך באַקאַנט אַז דאָס 'אָנגיסן' ('מזיגה') מיינט, אַז מ'מישט אַריין וואַסער אינעם וויין, כדי זיסער צו מאַכן די שאַרפקייט פונעם וויין, אַז מ'זאָל עס קענען טרינקען. דאָס איז דער משל וואָס

---

**ה.** דער ראָפּשיצער רב זי"ע זאָגט ('זרע קודש', ליקוטים לסוכות), אַז **דער וואָס איז מקיים מצות סוכה, איז זוכה צו אריכות ימים.** עס איז מרומז אין פסוק, 'כל האזרח בישראל ישבו בסוכות'. 'אזרח' באַטרעפט די צאָל 216, אַזוי ווי דאָס וואָרט 'גבורה'. דער אויבערשטער פאַרזיכערט אידישע קינדער, אַז דער וואָס זיצט אין סוכה, וועט זיין אַן 'אזרח', אַ 'זקן'. 'גבורה' איז מרמז אויף זקנה, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים צ, י) 'ואם בגבורות שמונים שנה'.

**ו.** אויך איז מען זוכה צו האָבן אַ רפואה, ווי הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע האָט געזאָגט אַ רמז אויפ'ן פסוק (דברים לב, לט) **'מחצתי ואני ארפא' - דורך די מחיצות פון די סוכה, איז מען זוכה צו רפואה.** (געברענגט אין ספר 'תורת אבות')

### מן הבאר

אין ספה"ק "תפארת שלמה" (מאמרים להוש"ר) טייטשט ער **'מצטער פטור מן הסוכה' - אַ מענטש קען פטור ווערן פון זיין צער, אין זכות פון מצות סוכה.** דאָס איז אויך די כוונה פון חז"ל (שם עמוד א') **'חולין ומשמשיהן פטורין מן הסוכה' - מ'קען פטור ווערן פון יעדע קראַנקהייט און געהיילט ווערן מיט אַ רפואת הנפש און רפואת הגוף, אין זכות פון מצות סוכה.**

אין זכות פון די מצוה, איז מען בכח צו צערייסן יעדן גזר דין וואָס מ'האָט אַרויסגעגעבן אין די ימים נוראים, ווי הרה"ק בעל 'ייטב לב' זי"ע האָט געזאָגט, אַז אפי' אויב מ'האָט חלילה אָפּגעפּסק'ענט דעם מענטש אין די ימים נוראים אַז ער איז "חייב" ח"ו, קען דער מענטש - דורך מקיים זיין מצות סוכה - איבערדרייען דאָס וואָרט "חייב", אַז דער "צירוף" זאָל ווערן "**י**'עלזו **ח**'סידים **ב**'כבוד **י**'רננו" (תהלים קמט, ה). דאָס הייסט, ער זאָל האָבן שמחה און רינה.

**ז.** דער 'כף החיים' שרייבט (סי' תרכ"ו, סק"ו) אין נאָמען פון ספר 'יפה ללב' (ח"ה אות ג) אַז **דער וואָס איז אָפּגעהיטן מקיים צו זיין מצות סוכה כתיקונה, איז פאַרזיכערט אַז ער וועט נישט האָבן אַ קריגעריי ביי זיך אין הויז, אין לויף פון גאַנצן קומענדיגן יאָר.**

אויך ווערט געברענגט אין ספר "סגולות ישראל" (מערכת מ, אות יח) **אַ סגולה אָפּגעהיטן צו ווערן פון מחלוקת, צו לערנען מסכת סוכה** (אַגאַנץ יאָר).

עס איז באַקאַנט אַז דער ראָפּשיצער רב זי"ע האָט אַ גאַנץ יאָר געלערנט מסכתא סוכה. ער האָט געזאָגט, אַז **דער לימוד פון מסכתא סוכה איז מסוגל עס זאָל הערשן מנוחה און שלום אין שטוב, און צו די גאולה שלימה,** ווען דער אויבערשטער וועט אויסשפּרייטן זיין 'סוכת שלום' עלינו ועל כל עמו ישראל, ועל ירושלים, אמן.

חז"ל גליכן צו (ווען עס רעגנט אין יום טוב סוכות) צו א קנעכט וואס קומט 'אנגיסן' א גלאז פאר זיין האר. דאס הייסט, ער קומט בטל מאכן די שארפקייט ... עכ"ל.

**זעען** מיר פון די ווערטער פונעם גאון, אז אויך אויב מ'האט חלילה גוזר געווען אויף'ן מענטש א שלעכטן גזר דין אין די ימים נוראים, קען ער דאס ממתיק זיין יעצט, אין יום טוב סוכות, עס זאל ווערן גוטע חסדים פון באשעפער.

**זמן שמחתנו - דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן זיין פרייליך**

די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען צו זאגן אין די תפילות און ביי קידוש אין יום טוב סוכות, 'ותתן לנו ה' אלקינו את יום חג הסוכות הזה - זמן שמחתנו', און ווי דער פסוק זאגט (דברים טז, יד-טו) 'ושמחת בחגך וגו' והיית אך שמח'.

**טייטשט** דער 'ספורנו', 'אך' איז א לשון פון א מיעוט. קומט דער פסוק דא ממעט זיין, 'תהיה שמח בלבד, ובשמחתך לא יתערב עצבון'. דו זאלסט נאר זיין בשמחה, און אין דיין שמחה זאל זיך נישט אריינמישן קיין טרויעריגקייט.

**דער** פסוק קומט אונז לערנען, אז אין אלע טעג פון יום טוב סוכות דארף מען זיין נאר פרייליך און גוטמוטיג, און אוועקשטופן און דערווייטערן פון זיך אלע סארטן עצבות[כב].

**הרה"ק** בעל 'אמרי נועם' זי"ע האט געזאגט א טעם פארוואס מ'געפינט אין דער תורה, אז די מצוה פון שמחה איז גרעסער ווי דאס נעמען די פיר מינים, ווייל שמחה איז נוהג אלע זיבן טעג פון יום טוב, אבער די מצוה פון 'ולקחתם לכם', איז נאר אין ערשטן טאג יום טוב (מן התורה, אין דער גאנצע וועלט, אויסער אין בית המקדש, וואו מ'דארף יא שאקלען די ארבעה מינים אלע זיבן טעג פון יום טוב). מיט דעם קומט דער פסוק אונז לערנען, אז דער אויבערשטער האט גאר שטארק ליב די מדה פון שמחה, און ער וויל אז מיר זאלן זיין פרייליך. דעריבער האט ער פיל גרעסער געמאכט[כג] די מצוה.

**ווי** גרויס ס'איז די מעלה פון שמחה אין יום טוב סוכות, קען מען זען פון די ווערטער פון דעם 'אבן עזרא' אויף'ן פסוק (דברים טז, יד-טו) 'ושמחת בחגך וגו' כי יברכך ה' אלוקיך בכל תבואתך ובכל מעשה ידיך והיית אך שמח'. זאגט דער 'אבן עזרא', 'יברכך' איז א לשון עתיד, און דו וועסט אייביג זיין פרייליך. דאס מיינט, אז אלס שכר פאר די מצוה פון שמחה אין יום טוב, איז דער מענטש זוכה ממשיך צו זיין די שמחה אויפ'ן גאנצן יאר. און נאך מער: די תורה זאגט, 'אך' - א

---

**כב.** א חסיד האט אמאל געזאגט פאר זיין רבי'ן, אז ער האט מורא אריינצוגיין אין דער סוכה, ווייל ס'איז פול מיט שמות הקדושים, און ווי קען ער טרעטן אויף הייליגע שמות? האט זיין רבי אים געענטפערט:

- דו קענסט זיין רואיג, ווייל דער מענטש אליין טראגט דאך אויף זיך דעם אויבערשטענ'ס נאמען, ווי ס'איז באקאנט פונעם אריז"ל, אז אויף'ן מענטשנ'ס פנים זעט מען דעם שם הוי"ה, ווייל יעדעס איינע פון די צוויי אויגן זעט אויס ווי אן אות י', וואס צוזאמען באטרעפט עס צוואנציג. די נאז פונעם מענטש זעט אויס ווי א ו', און צוזאמען באטרעפט עס 26, אזוי ווי דער שם הוי"ה. ממילא קען דער מענטש וואס האט אויף זיך דעם שם שמים, אריינקומען אין דער סוכה וואס איז פול מיט שמות.

דער דאזיגער 'היתר' צו טרעטן אין די סוכה וואס איז פול מיט שמות, איז אבער נאר ביי א מענטש וואס איז גוטמוטיג און פרייליך, אבער אויב ער איז טרויעריג און ס'איז אים ביטער, און ער דרייט זיך ארום מיט אן 'אראפגעלאזטע נאז', איז דאך די נאז נישט אין דער צורה פון א 'ו', נאר ווי א 'נ', און דאן איז דארט נישטא דער שם הוי'... און אויף אזא אופן, איז טאקע נישט כדאי צו טרעטן אויף די הייליגע שמות...

און כאטש דאס אלעס איז געזאגט געווארן על דרך צחות, און נישט להלכה, לערנען מיר אבער פון דעם אז **די סוכה איז משפיע שמחה, אזוי אז עצבות און סוכה זענען 'תרתי דסתרי'**.

**כג.** דער גאון רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל אב"ד ירושלים, האט געזאגט בדרך צחות אויף דעם וואס די וועלט זינגט דעם ניגון 'ושמחת בחגך, והיית **אך אך** שמח', מ'זאגט צוויי מאל דאס ווארט 'אך', ווייל חז"ל זאגן (סנהדרין מט.) 'אכין ורקין מיעוטין הן', און אויך זאגן חז"ל (ב"ב יד.) 'אין מיעוט אחר מיעוט אלא **לרבות**'. און וויבאלד 'אך' שמח איז א מיעוט, זינגט מען צוויי מאל 'אך', 'אך', עס זאל זיין א 'מיעוט אחר מיעוט', וואס קומט **מרבה צו זיין שמחה**.

מיעוט, אונז צו לערנען אַז דו וועסט נישט זיין פריילין נאָר אויב דו וועסט זיין פריילין אין יום טוב סוכות[כד].

**ענליך** שרייבט דער 'אברבנאל' (פ' ראה) אויפ'ן פסוק 'והיית אך שמח', די תורה פאַרזיכערט פאַר דעם מענטש אַז אויב ער וועט זיך פרייען אין יום טוב סוכות, וועט ער זיין פריילין און גוטמוטיג אַ גאַנץ יאָר. אָבער אויב ער וועט זיין טרויעריג אָנהייב יאָר, וועט ער חלילה זיין טרויעריג אויך שפּעטער, ווייל אַזוי איז די טבע און דאָס מציאות.

**דער** 'פלא יועץ' (ערך סוכה, סוף ד"ה ועוד נלוה) שרייבט: דער אויבערשטער האָט אונז באַפוילן זיך צו פרייען מיט אַ שמחה של מצוה, און דאָס איז אַ גוטער סימן פאַר'ן גאַנצן יאָר, ווי עס שרייבן די גורי האריז"ל, אַז דער וואָס איז פריילין און גוטמוטיג, און ער איז בכלל נישט מצטער אין דעם הייליגן יום טוב, איז ער פאַרזיכערט אַז ער וועט האָבן אַ גוט יאָר, און ער וועט אייביג זיין פריילין.

**דער** הייליגער טריסקער מגיד זי"ע ברענגט אַ טייטש פון זיין טאַטן, הרה"ק רבי מאָטעלע טשערנאבלער זי"ע ('מגן אברהם', שבת חוה"מ סוכות, ד"ה 'וישת'), 'זמן' שמחתנו איז פון לשון צוגרייטן. דאָס איז אַ רמז, אַז די מצוה פון סוכה וואָס מיר זענען מקיים אין די זיבן טעג פון יום טוב, איז אַ הכנה ממשיך צו זיין שמחה אויפן גאַנצן יאָר.

**ענליך** האָט געזאָגט הרה"ק מהר"ש מליובאוויטש זי"ע (ספר המאמרים שנת תרנ"ה, ע' תיג), אַז דער תמצית און דער עיקר פון שמחה ווערט נשפע פון דעם יום טוב סוכות.

**שמחה** איז מסוגל צו ראַטעווען דעם מענטש מכל צרה וצוקה, אַזוי ווי חז"ל זאָגן (געברענגט אין רש"י במדבר כט, יח), אַז די אַכט און נײַנציג שעפּסן וואָס מ'איז מקריב אין יום טוב סוכות, זענען אַ כפּרה אויף די אַכט און נײַנציג קללות אין דער תוכחה אין פרשת כי תבוא.

**זאָגט** אויף דעם הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע (געברענגט אין ספה"ק 'שם משמואל', סוכות תרע"ג), אַז דורך די שמחה אין 'זמן שמחתינו', טוט מען מכפּר זיין אויף די 98 קללות וואָס קומען צוליב דעם חסרון פון שמחה, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט דאָרטן (דברים כח, מז) 'תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה'.

**כד.** מורא'דיגע ווערטער פון חיזוק, האָט געזאָגט הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע וועגן די לעצטע דורות. דער ירושלמי זאָגט (געברענגט אין תוספות, מסכת סוכה דף נ:, ד"ה 'חד'), אַז עס ווערט גערופן 'שמחת בית השואבה', '**שמשם** שואבין רוח הקודש' - ווייל מ'האָט געשעפּט פון דאָרט רוח הקודש. זאָגט דער 'שפת אמת', אַז דאָס וואָרט 'שמשם' איז אַ רמז, אַז פון יענע געהויבענע שמחה וואָס מ'האָט געהאַט אין בית המקדש, קען מען שעפּן 'רוח הקודש' און שמחה **אויך אין די הייניטגע דורות**, ווען די שמחה איז נישט בשלימות.

דער 'שפת אמת' האָט צוגעגעבן, עס שטייט דאָך 'והיית אך שמח', וואָס איז אַ הבטחה אַז מיר זאָלן **אייביג** קענען זיין פריילין, און אויף דעם זאָגט די גמרא (סוכה מח.) אַז דער פסוק 'והיית אך שמח' איז אַ 'ריבוי', מרבה צו זיין 'לילי יום טוב האחרון לשמחה'. דאָס איז אַ רמז אויף **די נעכט פון די ימים טובים אין די לעצטע דורות**, וואָס זענען ליידער פאַרזינקען אין אַ נאַכט-פינצטערניש און אין דעם שטאַרקן גלות און די יסורים, **אַז מ'גיט אַ פון הימל אַ כח צו זיין בשמחה אויך אין זיי.**

אַמאָל אין אַן ערב סוכות, האָט מען מזכיר געווען פאַר הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאַנער זי"ע, איינעם פון זיינע קרובים וועלכער איז געווען זייער נישט געזונט ל"ע. האָט הרה"ק רבי מאיר'ל געזאָגט, דער אויבערשטער האָט אונז באַפוילן צו בלאָזן שופר אין ראש השנה, און מאיר'ל האָט געבלאָזן. דער אויבערשטער האָט אונז באַפוילן זיך צו פרייען אין סוכות, און מאיר'ל וויל זיך פרייען, אָבער רבונו של עולם, מיר ווייסן דאָך אַז 'אין מערבין שמחה בשמחה'. אויב עס וועט פּאַסירן אַ נישט גוטע געשעעניש ח"ו (אויב דער קרוב וועט אַוועקגיין ח"ו) וועל איך דאָך דאַרפן מאַכן אַ ברכה 'בשמחה' (ווי חז"ל זאָגן, אַז מ'דאַרף זאָגן די ברכה 'דיין האמת' בשמחה), און עס אָננעמען מיט אַ פריילין האַרץ. ממילא, מוז מען פון הימל אַוועקנעמען פון אונז יעדע אַנדערע 'שמחה', און אונז איבערלאָזן נאָר מיט די מצוה פון 'ושמחת בחגך'.

**פון דעם לערנען מיר, אַז אויב אַ מענטש האָט אַ צער ח"ו, און ער שטופּט עס אַוועק כדי צו קענען מקיים זיין די מצוה פון 'ושמחת בחגך', וועט מען אים אַוודאי העלפן פון הימל, אַז ער זאָל זיך נישט דאַרפן 'פרייען' מיט אַ 'שמחה' פון אַן אַנדערן סאָרט...**

אַזוי שרייבט דער 'בית אהרן' (קנו.), אַז פונקט ווי אין די ימים נוראים ווערן די מקורות געעפנט דורך יראה, אַזוי אין די יעצטיגע טעג ווערן די מקורות פון רחמים און חסדים געעפנט דורך די אהבה און שמחה אין זמן שמחתנו[כה].

### והיית אך שמח - ווי אַזוי צו קענען זיין בשמחה

**ווערט** דער מענטש פרעגן: 'שמחה מנלן', וואו נעמט מען אַביסל שמחה, ווען אַזוי פיל טירדות נעמען אונז אַרום פון אַלע זייטן, און מ'האָט ממש נישט קיין מנוחה. איך איינער וואָס איז ברוך השם געבענטשט געוואָרן מיט קינדער, 'בניך כשתילי זיתים סביב לשולחנך', און אַלע זענען ב"ה געזונט און שטאַרק בגוף ובנפש, זאָרגט ער אָבער שטענדיג אַז עס זאָל זיך נישט חלילה אָפּטוהן פון אים, אַזוי אַז ס'איז אים שווער צו זיין בשמחה.

**איז** דער ענטפער אויף דעם, קודם כל, מיר האָבן דאָך אַ ליבן טאַטן אין הימל, וואָס געדענקט יעדן איינעם פון זיינע באַשעפענישן, און ער טוט יעדע רגע משפיע זיין פון זיין חסד אויף דער גאַנצער וועלט בתכלית ההטבה, ווי עס שרייבט דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע (שמות כב, ו) 'אין לך שעה ורגע שאין השם יתברך עושה פעולה עם האדם, בין בבחינת גופו, בין בבחינת צרכיו', עכ"ל.

**דאָס** מיינט, כאָטש מיט די פליישיגע אויגן זעט מען נישט ווי אַזוי דער אויבערשטער טוט חסדים מיט'ן מענטש... אָבער דער וואָס האָט אמונה, זעט אַז אַלעם איז פאַר די טובה פונעם מענטש, און אַז ער האָט אמונה, איז ער רואיג, און ממילא איז ער אייביג פריילך[כו], ווייל ער ווייסט דאָך אַז אַלעם איז צום גוטן, און ער וועט אויך צוקומען צו אַ פעסטן בטחון אַז דער אויבערשטער וועט אים אַוודאי קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, און אַזוי קען ער אייביג זיין בשמחה.

---

**כה.** מ'דאַרף אָבער זען אַז די שמחה זאָל זיין אַ שמחה של מצוה, און נישט הוללות ח"ו, ווי דער רמב"ם ז"ל שרייבט (הלכות לולב פ"ח, ה"ד) וועגן שמחת בית השואבה, אַז דאָס האָבן נישט געמאַכט די 'עמי הארץ ופחותי העם וכל מי שירצה', נאָר די גדולי חכמי ישראל, און די ראשי הישיבות והסנהדרין, די חסידים און זקנים און אנשי מעשה, זענען געווען די וואָס האָבן געטאַנצט און געזינגען, און זיך געפרייט אין בית המקדש אין די טעג פון יום טוב סוכות, אָבער דער גאַנצער פאָלק, די מענער און די פרויען, זענען אַלע נאָר געקומען מיטהאַלטן, זען און הערן די שמחה.

זאָגט דער ריטב"א (ב"ב קכא.) אַז נישט יעדער איינער וואָס האָט דאָרט געוואָלט טאַנצן האָט געקענט קומען און טאַנצן, נאָר די חסידים און אנשי מעשה האָבן געטאַנצט, כדי מ'זאָל נישט צוקומען צו הוללות ח"ו.

אַ רמז דערצו, זאָגט דער 'שפת אמת' (סוכות תרל"ז, ד"ה 'והיית') פון פסוק 'והיית אך שמח'. 'אך' קומט ממעט זיין אַז עס דאַרף זיין אַ שמחה של מצוה, און נישט חלילה אַ שמחה פון הוללות.

### מן הבאר

היי יאר, ווען די ערשטע טאג סוכות געפאלט אויף שב"ק און די מצוה פון ד' מינים איז נאר א **דרבנן**, דאַרף מען זיך מתבונן זיין, וויפיל טירחות מ'האָט זיך באַמיט צו טרעפן ד' מינים בתכלית הכשרות, און וויפיל געלט מ'האָט אויסגעגעבן דערויף... איז דאָך אַ קל וחומר וויפיל מ'דאַרף זיך באַמיען מקיים צו זיין די מצוה פון שמחה, וואָס גייט אָן **מדאורייתא אלע זיבן טעג פונעם יו"ט**. מ'זאָל נישט געבן אַ דריסת הרגל פאַר דעם שטן וואָס זוכט צו צעטומלען דעם מענטש, כדי אים צוצוברענגען ער זאָל צוקומען צו כעס חלילה.

אויך אויב ס'איז שווער פאַר'ן מענטש צו זיין פריילך, דאַרף ער געדענקען וואָס די ספרים זאָגן וועגן דעם מיעוט פון 'אך שמח', אַז דער פסוק קומט זאָגן אַז אויך אויב דער מענטש שפירט אַז ער קען זיך נישט פרייען געהעריג, **זאָל ער טוהן דאָס ביסל וואָס ער איז בכח צו טוהן, ווייל נאָר דאָס פאַרלאַנגט דער אויבערשטער פון אים**, און דאָס איבריגע וועט מען שוין משלים זיין פון הימל.

**כו.** מיר האָבן געהערט פון דעם בעל העובדא, אַ איד וואָס האָט ליידער געליטן אַסאַך צרות רח"ל, און ער האָט זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ פאַר דעם גאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל. האָט רבי שלמה זלמן אים געזאָגט, אַז ער קען אַ איד וואָס האָט געדאַרפט אַריבערגיין אַן אָפּעראַציע און זינט דעמאָלס הערט ער נישט אויף

**צוליב** דעם, איז סוכות באַשטימט געוואָרן אַלס 'זמן שמחתינו', ווייל ווי געזאָגט, איז דאָך דער גאַנצער ענין פונעם יום טוב סוכות, צו זיצן 'בצלא דמהימנותא', וואָס דאָס איז דער גאַנצער מהות פון די סוכה, און דורך דעם וואָס מ'איז מקיים די מצוות פונעם יום טוב און מ'טוט איינוואָרצלען ביי זיך אין האַרץ די ריינע אמונה, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט 'למען ידעו דורותיכם', איז 'באמונתו יחיה', און עס ווערט אָפּגעטוהן יעדע זאָרג און צער פון מענטשנ'ס האַרץ.

**נאָך** אַן אופן ווי אַזוי מ'קען זיין בשמחה אין יום טוב סוכות, ווייל די סוכה איז דאָך בלויז אַ צייטווייליגע דירה - 'דירת עראי' - און צדיקים האָבן געזאָגט, אַז דאָס קומט איינצוואָרצלען אין אידישע הערצער, דעם ענין פון זיין אַ 'מסתפק במועט', צופרידן מיט אַלעם וואָס מ'האָט, אַז מ'זאָל נישט נאָכלויפן די מותרות און תענוגי עולם הזה וואָס האָבן נישט קיין שום ממשות, נאָר ס'זאָל זיין גענוג פאַר דעם מענטש, זיין 'דירת עראי', אויך איבער'ן גאַנצן יאָר...

**אַזוי** שרייבט דער גאון רבי יהונתן אייבעשיץ זי"ע, אין זיין ספר 'יערות דבש' (ח"א, דרוש ו), אַז דער וואָס האָט מורא פאַר דעם אויבערשטען, האָט די דאָזיגע 'סוכה' (דעם לימוד פון הסתפקות במועט) נישט נאָר אין יום טוב סוכות, נאָר אַ גאַנץ יאָר, איז אַלעס ביי אים אַזוי ווי אַ 'דירת עראי'. ער נעכטיגט אייביג אין שאָטן פון די סוכה, און גייט אַרויס פון זיין 'דירת קבע', ווייל אַלעס איז אין זיינע אויגן ווי ער וואָלט געווען אַ 'גר', און סתם אַ גאַסט אויף דער וועלט. ער זאָל קוקן אויף די שטערן וואָס געפינען זיך אויפ'ן הימל, זיך צו פאַרזיכערן אויף דעם אויבערשטען, און נישט בויען הייזער מיט טייערע שטיינער, און קעניגליכע צימערן 'ברצפת בהט ושש', און דאָס גלייבן, 'מתענוגי בני אדם להרחיב דעתו'[כז], עכ"ד.

**און** צוליב דעם טעם, ווערט דער יום טוב סוכות אָנגערופן 'זמן שמחתינו', ווייל אַזוי לאַנג ווי דער מענטש לויפט נאָך זיינע תאוות צו דערגרייכן וואָס מער, איז ער דאָך פול מיט רוגזא און ער טוט אייביג

---

איין אויג. אויך איז ער אַן אלמן ל"ע, און אין צוגאָב צו דעם, האָט ער דריי קינדער וואָס האָבן ליידער נישט זוכה געווען צו האָבן קינדער. טראָץ דעם אַלעם, איז דער איד אָבער אייביג שמחה, און ער גייט שטענדיג אַרום מיט אַ פרייליך און שמייכלדיג פנים. האָט דער פאַר'צרה'טער איד געזאָגט צו רבי שלמה זלמן, אַז ער גלייבט נישט אַז ס'איז מעגליך אַזאַ זאַך. האָט רבי שלמה זלמן איבערגע'חזר'ט פאַר אים זיינע ווערטער, און יענער האָט ווידער גע'טענה'ט אַז ס'איז נישט מעגליך אַז ס'איז דאָ אַ איד וואָס איז בשמחה כאָטש ער ליידט אַזוי פיל ה' ירחם. האָט רבי שלמה זלמן אים געזאָגט:

- **דער דאָזיגער איד שטייט יעצט און רעדט דאָ מיט דיר...**

**כז.** דער רבי ר' יהונתן זי"ע שרייבט דאָרט אויך, אַז דאָס זיך באַגעניגענען און זיין צופרידן אויך מיט וויניגער, איז **מסוגל אויף אריכות ימים**, ווייל מיר זעען דאָך אַז אין די ערשטע טויזנט יאָר פון בריאת העולם, האָבן מענטשן געהאַט אריכות ימים, אויך **אונזערע אבות, אברהם, יצחק, און יעקב, האָבן געוואוינט אין געצעלטן, און דאָס האָט זיי געברענגט אריכות ימים**, ווייל זיי האָבן נישט מורא געהאַט אַז זייערע פּאַלאַצן וועלן פאַרברענט ווערן חלילה, און זיי האָבן נישט מורא געהאַט פון שונאים אָדער פון הונגער אָדער פון אַ מגיפה ח"ו, ווייל זיי האָבן אייביג שנעל צענומען די שטריק פון זייערע געצעלטן. דאָס הייסט, אַז **עס איז נישט נאָר אַ רוחניות'דיגע סגולה, נאָר אַזוי איז עס אויך אין דער נאַטור פון דער וועלט**, אַז ווען דער מענטש צופרידן מיט אַלעם וואָס ער האָט, האָט ער קיינמאָל נישט קיין דאגות, ווייל עס איז אים אייביג גענוג וואָס ער פאַרמאָגט, און **צוליב זיין שלוות הנפש, האָט ער אריכות ימים.**

און דער רבי ר' יהונתן זי"ע איז מוסיף, אַז אט דער יסוד זעט מען שוין ביי דעם בית המקדש. דער משכן איז געווען געמאַכט **בלויז פון ברעטער און יריעות**, און צוליב דעם האָט דער אויבערשטער געמאַכט רוהען זיין הייליגע שכינה דאָרט אין משך פון **480 יאָר**, פון דעם טאָג ווען ער איז געבויט געוואָרן אין מדבר, ביז צו נוב און גבעון, אָבער דער בית המקדש וואָס שלמה המלך ע"ה האָט געבויט, וואָס איז געבויט געוואָרן פון **טייערע שטיינער**, איז חרוב געוואָרן נאָך **410 יאָר**, און עס איז ליידער פאַרברענט געוואָרן בעווה"ר. אויך דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געוואָרן אין די צייטן פון די יוונים, און הורדוס האָט עס צוריק אויפגעבויט, און מיט דעם אַלעם, איז עס נישט געשטאַנען מער ווי **420 יאָר**. זעען מיר פון דעם אַז **אויף דער וועלט האַלט זיך לענגער אַ צייטווייליגער בנין, ווי אַ קביעות'דיגער בנין**, עיי"ש.

קרעבצן[כח], און ער קען נישט זיין גליקלעך און צופרידן. נאָר ווען ער טוט זיך באַגענוגענען מיט דעם וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן, פרייט ער זיך מיט זיין חלק. ער האָט נישט קיין קנאה אויף אַנדערע מענטשן[כט], און עס טוט זיך אָפּ פון אים דער טרויער און די קלאָגעריי[ל].

### האוחז ביד - אויף די ד' מינים, האָט קיין שום שר אין הימל נישט אַ שליטה

**דער** פסוק זאָגט (ויקרא כג, מ) 'ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר וכפות תמרים, וענף עץ עבות וערבי נחל'. זאָגט דער מדרש (ויק"ר פ"ל, ט) אַז 'פרי עץ הדר' איז מרמז אויף דעם אויבערשטען, וואָס אויף אים זאָגט דער פסוק (תהלים קד, א) 'הוד והדר לבשת'. 'כפות תמרים' גייט אויך אַרויף אויף דעם אויבערשטען, ווי דער פסוק זאָגט (שם צב, יג) 'צדיק כתמר יפרח'. 'ענף עץ עבות', גייט אויך אויף דעם אויבערשטען, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (זכריה א, ח) 'והוא עומד בין ההדסים'. 'וערבי נחל', גייט אויך אַרויף אויף דעם אויבערשטען, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים סח, ה) 'סולו לרוכב בערבות בי-ה שמו'.

**קומט** אויס פון די ווערטער פונעם מדרש, אַז אַלע פיר מינים זענען מרמז אויף דעם אויבערשטען בכבודו ובעצמו, און ווען מיר נעמען עס אין האַנט, איז גלייך ווי מיר 'נעמען' דעם אויבערשטען כביכול אין אונזער האַנט[לא].

---

**כח.** דער מדרש זאָגט (קה"ר פ"א, לב) אַז אַ מענטש גייט נישט אַוועק פון דער וועלט מיט אַ העלפט פון זיינע גליסטונגען אין זיין האַנט. איינער וואָס האָט הונדערט זוז, וויל האָבן צוויי הונדערט. אויב ער האָט צוויי הונדערט, וויל ער האָבן פיר הונדערט. פרעגן די מפרשים, אויב דער מענטש האָט אַ מנה פון 100 זוז, און ער וויל האָבן נאָך אַ מנה, האָט ער דאָך יאָ אַ העלפט פון זיין תאווה אין האַנט?

נאָר די כוונה פון חז"ל איז, אַז דאָס נאַכלויפן די גליסטונגען פון זיין האַרץ, זענען אייביג גורם אַז דער מענטש זאָל זיין צעטומלט און איבערגעשראָקן. **ער האָט נישט קיין ישוב הדעת**, און עס ברענגט אים צו צער און עגמת נפש, אַז עס פעלן אים די צוויי הונדערט זוז.

ממילא קומט אויס, אַז עס פעלן אים אייביג צוויי זאַכן: **א.** דער ערשטער 'מנה'. **ב.** די מדה פון שמחה און רואיגקייט. ממילא, האָט ער נישט אַפילו אַ העלפט פון זיינע גליסטונגען, ווייל ער פאַרמאָגט דאָך נאָר איין 'מנה', און ער איז צוטראָגן איבער דעם וואָס ער באַוואוסט נישט צו האָבן...

**כט.** עטליכע יאָר צוריק, איז אין בני ברק נפטר געוואָרן אַן ערליכער איד וועלכער פלעגט זיך דרייען ביי די לעלוב'ער צדיקים זי"ע, הרב ר' משה כהן ז"ל פון בני ברק. ער איז געווען באַקאַנט אַלס 'משה בן עליזה', און ער איז ליידער געווען אַן אינוואַליד ל"ע, נאָך דעם ווי ער איז מיט צענדליגער יאָרן צוריק פאַרוואונדעט געוואָרן ל"ע, און אויסער זיין קאָפּ, האָב אין זיין קערפּער נישט געאַרבעט קיין איין אבר ה"י. ער איז אָבער אייביג געווען פריילעך, און האָט שטענדיג געהאַט אַ שמייכל אויפ'ן פנים.

האָבן מיר געהערט פון זיין זון יבלחט"א, אַז ער האָט אַמאָל געפרעגט זיין טאַטן, ווי אַזוי קען ער זיין אַזוי פריילעך און האָבן אַזאַ לעכטיגן פנים, ווען ער ליידט אַזוי שטאַרק פיזיש ה' ירחם, אַז זיין גאַנצער קערפּער איז ווי אַ 'שבר רלי' רח"ל. האָט רבי משה אים געענטפערט:

- אויב אַלע מענטשן אויף דער וועלט וואָלטן חלילה געווען אין דעם זעלבן מצב ווי איך בין, אַלע וואָלטן געזעסן אין א 'ווילטשעיר' און געדאַרפט אָנקומען צו הילף אויף יעדן טריט און שריט, איז דאָך פשוט אַז איך וואָלט געקענט זיין פריילעך, ווייל דאַן בין איך דאָך נישט אַנדערש פון אַנדערע מענטשן. נאָר וואָס דען, יעדער איז ברוך השם געזונט און שטאַרק, נאָר איך בין פאַראַליזירט און זיץ אין אַ 'ווילטשעיר'. **נו, איז דען רעכט אַז איך זאָל זיין טרויעריג פון דעם וואָס אַלע מענטשן אויף דער וועלט זענען ברוך השם געזונט און שטאַרק?!...**

**ל.** לויט דעם, זאָגט הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע אַ טעם פאַרוואָס מ'לייענט מגילת קהלת אין יום טוב סוכות, ווייל **דער וואָס וויל זיין פריילעך, דאַרף גוט געדענקען אַז אַלע קניני עולם הזה זענען נאַרישקייטן** - 'הבל הבלים הכל הבל' (קהלת א, ב).

**לא.** דער 'בית יוסף' ברענגט (סי' תרנא, סי"ב, אין נאָמען פון 'ריקנטי'), אַז מ'דאַרף האַלטן דעם אתרוג צוזאַמען מיט די אַנדערע מינים. שרייבט דער ריקנטי', אַז דאָס איז אים אַנטפּלעקט געוואָרן אין חלום, די ערשטער נאַכט

**לויט** דעם, שרייבט הרה"ק רבי ישראל דוב גילערנטער זי"ע פון יאַשניצא, אין זיין ספר 'רביד הזהב' (פ' כי תצא, ד"ה 'אופן ב'), אין נאָמען פון זיין רבי'ן, דער הייליגער ראָפשיצער רב זי"ע, אַז ער האָט געהערט פון ראָפשיצער רב, אַז די ד' מינים זענען דאָך אַנטקעגן די פיר אותיות פון שם הוי' ברוך הוא. ממילא, ווען דער מענטש נעמט דעם לולב מיט די אַנדערע מינים אין זיינע הענט און ער שאָקלט זיי, איז עס גלייך ווי ער נעמט כביכול דעם אויבערשטען אַליין אין זיינע הענט, און ער טוט מיט אים וואָס ער וויל ('ועושה בו כביכול כרצונו'. דאָס מיינט, ער קען דעמאָלס פועל'ן ביי דעם באַשעפער אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן[לב]).

**דער** 'בני יששכר' שרייבט (תשרי, מאמר י, אות כד) אין נאָמען פון די קדמונים (זע 'ראש דוד', פון חיד"א זי"ע, פ' אמור), אַז זיי האָבן געשריבן בקבלה, אַז אויף די ד' מינים, האָט קיין שום שר אין הימל נישט אַ שליטה (נאָר דער אויבערשטער אַליין). דאָס איז אַ וואונדערליכע הוראה (רמז), אַז די אידן געפינען זיך נישט אונטער די הענט פון די שרים[לג].

**זאָגט** דער 'בני יששכר', אַז מ'קען עס ערקלערן לויט ווי חז"ל זאָגן (ב"ר פ"י, ו) 'אין לך כל עשב ועשב שאין לו מזל ברקיע, שמכה אותו ואומר לו גדל' - ס'איז נישט דאָ אַ גראָז אויף דער וועלט, וואָס האָט נישט אַ באַזונדערן שר אין הימל, וואָס גיט אים אַ קלאַפּ און ער זאָגט אים ער זאָל וואַקסן. אָבער די ד' מינים פון לולב, האָבן נישט אַ שר וואָס איז ממונה איבער זיי. זיי וואַקסן נאָר אונטער די השגחה פון דעם אויבערשטען ברוך הוא אַליין, און וועגן דעם קען דער מענטש צוקומען צו דביקות ווען ער שאָקלט די ארבעה מינים.

**דער** רא"ש ז"ל ברענגט אַראָפּ (סוכה פ"ג, כו) אין נאָמען פון ירושלמי, אַז די 'נענועים' וואָס מ'מאַכט ביי הלל, זענען כדי 'אויפצושאָקלען' דעם כח פון דעם קטיגור.

**אַזוי** שרייבט אויך דער מהרש"א ('חידושי אגדות', סוכה לח., ד"ה 'ממטי'), אַז דאָס שאָקלען דעם לולב קומט אָפּצושטעלן דעם כח פון טומאה, 'מסטרא דשמאלא דסטנא' - פון דער לינקער זייט פונעם שטן. דאָס מיינט,

---

סוכות, ווען עס איז איינגעשטאַנען ביי אים אַ 'חסיד אחד אשכנזי', מיט'ן נאָמען הרב ר' יצחק. שרייבט דער 'ריקנטי': האָב איך געזען אין חלום ווי ער שרייבט דעם שם יו"ד ה"א, און ער האָט דערווייטערט די לעצטע ה"א פון די ערשטע דריי אותיות. האָב איך אים געפרעגט פאַרוואָס ער טוט אַזוי, און ער האָט מיר געענטפערט, אַזוי טוט מען אין אונזערע פלעצער. האָב איך מוחה געווען קעגן אים און איך האָב עס איבערגעשריבן גאַנצערהייט. און איך האָב זיך זייער שטאַרק געוואונדערט אויף די מראה, און איך האָב עס נישט פאַרשטאַנען. צומאָרגענס, ביים שאָקלען דעם לולב, האָב איך געזען אַז ער (רבי יצחק) האָט געשאָקלט נאָר דעם לולב (מיט דעם הדס און די ערבה), און נישט דעם אתרוג צוזאַמען מיט זיי. דאַן האָב איך פאַרשטאַנען דעם פתרון פון מיין חלום, און ער האָט שפּעטער חרטה געהאַט.

און דער 'ריקנטי' טוט צושטעלן צו דעם די דערמאַנטע ווערטער פון חז"ל, אַז אַלע ד' מינים זענען מרמז אויף דעם אויבערשטען, און דערפאַר דאַרף מען זיי נעמען צוזאַמען און שאָקלען.

הרה"ק מהר"ש מבעלזא זי"ע האָט געזאָגט, אַז דערפאַר פירט מען זיך צו מאַכן 'קוישיקלעך', און מ'שטעקט אַריין דערין די הדסים און די ערבות צוזאַמען מיט'ן לולב, ווייל פונקט אַזוי ווי מ'דאַרף אַכטונג געבן ווען מ'שרייבט דעם שם הוי' אַז די אותיות זאָלן נישט זיין אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערן, אַזוי אויך דאַרף מען אַכטונג געבן זיי זאָלן נישט זיין צוגעקלעבט צו-נאָנט איינער צום אַנדערן, ווייל אויך דאָס פסל'ט ביים שרייבן. און דעריבער טוט מען אָפּטיילן און מ'מאַכט באַזונדערע קווישקלעך פאַר יעדן מין, כדי יעדער מין זאָל זיך דערקענען באַזונדער.

**לב.** ענליך ברענגט הרה"ק רבי סיני פון זמיגרוד זצ"ל, אין ספר 'חמדה גנוזה' (ח"ב, ע' מז) אין נאָמען פון זיין שווער, הרה"ק רבי נפתלי מעליצער זי"ע, אַז **דער ראָפשיצער רב זי"ע פלעגט יעדעס יאָר הושענא רבא זאָגן, אַז די וועלט זאָגט, 'אויב איך טוה דיך אָנכאַפּן, בין איך שטאַרקער פון דיר, און דו מוזט מיך פאָלגן. דאָס זעלבע יעצט, ווען מיר טוהען 'אָנכאַפּן' דעם אויבערשטען כביכול אין אונזער האַנט, מוז ער ענטפערן אונזערע תפילות.**

**לג.** דער 'בית אהרן' זאָגט (ע' קלח.) אַז דאָס וואָרט 'ערבה' באַטרעפט די צאָל 277, אַזוי ווי 'זרע'. ווייל דאָס נעמען דעם לולב מיט די ערבה (און אויך דאָס נעמען די ערבה באַזונדער אין הושענא רבא), **איז מסוגל אויף זרע של קיימא און זרע ברך ה'**. (זע 'אמרי פנחס' השלום, אות תסה, אַז מ'דאַרף אָפּקאָכן די ערבה, עיי"ש).

כדי בטל צו מאכן דעם כח פון די שלעכטע כוחות, אַז זיי זאָלן נישט קענען מקטרג זיין[לד].

**דער** הייליגער רבי ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב שרייבט (מנחם ציון, פ' האזינו), אַז אין די טעג פון יום טוב נעמען מיר אין די הענט די ד' מינים, וואָס זענען אַזוי ווי בעזימער, 'אויסצוקערן' מיט די פיר מינים אַלע רשעים פון דער וועלט, ווייל עס שטייען אויף קעגן אונז אַסאַך מקטרגים ח"ו אין יעדן דור פון די זיבעציג פעלקער וכו', און דאָס איז אַן 'אמת ויציב גמור', אַזוי ווי איך האָב אַליין געזען מיט מיינע אויגן, אַז יעדער איד באַשאַפט פאַר זיך זיבעציג פעלקער (יעדעס מאָל ווען ער טוט אַן עבירה ח"ו), און מ'דאַרף זיי אונטערטעניגן. דעריבער נעמען מיר די דאָזיגע פיר מינים, און מיר האַלטן מיט זיי מלחמה קעגן אַלע מקטריגים און משטינים. די פיר מינים פונעם לולב זענען אונזער וואָפען (תיקוני זוהר, כט.), און אויף דעם זאָגן חז"ל ביי די ד' מינים פון לולב, 'מוליך ומביא, מעלה ומוריד', אַז איבעראַל וואו ס'איז דאָ אַ מקטרג און משטין אויף אידן ח"ו, פאַלן אַלע אונטער אונזערע פיס, און זיי וועלן נישט קענען אויפשטיין[לה].

**כנגד האברים - אונטערטעניגן דאָס האַרץ פאַר'ן באַשעפער**

**דער** מדרש זאָגט (ויק"ר פ"ל, יד) רבי מני האָט אָנגעהויבן מיט'ן פסוק 'כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך'. די שדרה פונעם לולב איז ענליך צו די שדרה פונעם מענטש[לו]. דער הדס איז ענליך צום אויג. די ערבה איז ענליך צום מויל, און דער אתרוג איז ענליך צום האַרץ. האָט דוד המלך ע"ה געזאָגט, צווישן אַלע איברים פונעם מענטש, איז נישט דאָ קיין חשוב'ערע איברים פון די 4 איברים, וואָס זיי זענען חשוב אַזוי ווי דער גאַנצער קערפּער פון מענטש, און אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'כל עצמותי תאמרנה', עכ"ד המדרש.

קומט אויס, אַז דאָס נעמען דעם לולב און די אַנדערע מינים, האָט דעם ציל אונז לערנען אַז דורך דעם זאָל מען משעבד זיין די הויפּט-איברים פונעם גוף צום באַשעפער: די שדרה, די אויגן, דאָס מויל און דאָס האַרץ.

---

**לד.** מ'קען עס ערקלערן מיט אַ משל, אַ קליין קינד האָט באַוויזן אַרויפצוקריכן אויפ'ן דאַך פונעם הויז וואָס איז געבויט פון שטיקלעך 'טיילס' (אַדער 'שינגעלס'), וואָס ליגן שיף איינע אויף דער אַנדערער. ווען די דורכגייער אויף דער גאַס האָבן געזען ווי דאָס קינד שטייט אַזוי אויפ'ן דאַך, זענען זיי געוואָרן אויפגעציטערט, ווייל דאָס קינד קען אין אַ סעקונדע זיך אויסגליטשן און אַראָפּפאַלן פון די דאַך צו דער ערד... האָבן זיי שנעל אויסגעשפּרייט קישענס און דאָכענעס אַרום דאָס הויז פון אַלע זייטן, כדי צו היטן און שיצן דאָס קינד אַז ער זאָל זיך נישט צוקלאַפּן פון דער ערד. זיי האָבן אַפילו אַלאַרמירט פאַר הילף צו קומען ראַטעווען דאָס קינד, און אים אַראָפּנעמען מיט די הויכע לייטערס וואָס זיי האָבן אין זייער באַזיץ. אַלזאָ, אַלע ציטערן אויף אַ געפערליכן אופן וואָס עס וועט געשען מיט'ן קינד, אויסער איינער... דאָס קינד אַליין, ער שפּאַצירט זיך רואיג אויפ'ן דאַך, **ווייל ער פאַרשטייט נישט די גרויסע געפאַר אין וועלכע זיין לעבן געפינט זיך...**

דאָס זעלבע קען מען זאָגן, עס זענען ערשט אַדורכגעגאַנגען די 'ימים נוראים', פאַרכטיגע טעג, ווען מ'האָט פאַרשריבן און פאַרזיגלט יעדן איינעם ביז קומענדיגן ראש השנה הבעל"ט, און ווער ווייסט וואָס מ'האָט פאַרשריבן... נאָר וואָס דען, אונזערע אויגן זענען פאַרשטעלט, און מיר פרייען זיך אַזוי ווי יענער קליינער קינד אויפ'ן דאַך פון הויז... **עס איז אָבער נאָך אַלץ אין אונזערע הענט אויסצובעטן אַ זיס יאָר**, און צוליב דעם האָבן חז"ל מתקן געווען צו שאָקלען 'נענועים' מיט די ד' מינים, כדי מבטל צו זיין די שלעכטע גייסטן און אַלע סאָרטן שווערע גזירות, און זיי זאָלן נמתק ווערן צו רחמים, איידער מ'וועט איבערגעבן די 'קוויטלעך' אין הושענא רבא.

**לה.** דער מהרי"ל שרייבט (הלכות לולב) אַז 'לולב' איז בגימטריא 'חיים', מרמז צו זיין, אַז **דער וואָס קויפט אַ שיינעם אתרוג און אַ שיינעם לולב, איז זוכה צו חיי עולם הזה און חיי עולם הבא.**

**לו.** צדיקים האָבן געזאָגט אַ רמז אַז אויך דער לולב איז אַנטקעגן דאָס האַרץ, ווי ס'איז מרומז אין די אותיות פון דעם נאָמען, '**לו לב**', ווי די גמרא זאָגט (סוכה מה:) 'מה תמר זה אין לו אלא לב אחד, אף ישראל אין להם אלא לב אחד לאביהם שבשמים' - פונקט אַזוי ווי דער טייטלבוים האָט נאָר איין האַרץ, אַזוי האָבן אויך די אידן נאָר איין האַרץ פאַר'ן באַשעפער. אויך איז לול"ב די ראשי תיבות פון די ווערטער ו'טהר ל'בינו ל'עבדך ב'אמת, ווייל **דער עיקר איז צו אונטערטעניגן דאָס האַרץ פאַר'ן באַשעפער.**

**דער** 'ספר החינוך' שרייבט (מצוה שכד), אַז דער אתרוג איז ענליך צום האַרץ וואו עס רוהט דער שכל פון מענטש, מרמז צו זיין אַז מ'זאָל דינען דעם אויבערשטען מיט'ן שכל. דער לולב איז ענליך צו די שדרה, וואָס איז דער עיקר פונעם מענטשליכן קערפּער (און אין דעם כלל, אויך דער ענין פון קדושת החיים, וואָס איז דער יסוד פון קדושה), מרמז צו זיין אַז מ'זאָל אויסגראָדן דעם גאַנצן קערפּער פאַר עבודת השי"ת. דער הדס איז ענליך צו די אויגן, מרמז צו זיין אַז מען זאָל נישט נאָכגיין די אויגן, און די ערבה איז ענליך צו די ליפּן, מיט וועלכע דער מענטש ענדיגט צו זיינע דיבורים. דאָס איז אַ רמז, אַז מ'דאַרף לייגן אַ שלאָס אויפ'ן מויל און אינזין האָבן וואָס מ'רעדט, און מ'זאָל מורא האָבן פון דעם אויבערשטען אויך אין אַ צייט ווען מ'איז בשמחה[לז], עכ"ד.

**דאָס** מיינט, אַז דער יצר הרע פירט אַ מלחמה מיט'ן מענטש אויף אַלע זיינע איברים[לח], און דורך דעם וואָס דער מענטש נעמט די פיר מינים אין זיינע הענט און ער שאָקלט מיט זיי, געדענקט ער דער מלחמה וואָס ליגט אויף אים[לט].

**מיר** געפינען אויך אַ וואונדערליכן רמז אין די ארבעה מינים, וואָס זיי לערנען אונז אַז 'לא ידח ממנו

---

**לז.** דאָ איז טאקע אין פלאַץ מעורר צו זיין וועגן דעם דאָפּלטן חיוב **זיך צו היטן די אויגן אין די טעג פונעם יום טוב.**

די גמרא זאָגט (קידושין פא.) 'סקבא דשתא ריגלא'. דאָס מיינט, אַז די שוואַכע צייט פונעם יאָר איז אין יום טוב, וואָס דעמאָלס טוט דער מענטש זיך נישט אַזוי היטן (עיי"ש), און תוספות זאָגט (שם ד"ה 'סקבא') אַז ס'איז דאָ וואָס זאָגן אַז צוליב דעם פירט מען זיך צו פאסטן בה"ב נאָך יום טוב, און דער חכם וואָס 'עיניו בראשו', גיט אַכטונג זיך צו היטן די אויגן, און זיך דערווייטערן פון יעדן נסיון. די פּוסקים זענען מאריך וועגן דער ספּעציעלער זהירות וואָס מ'דאַרף האָבן אין די טעג פונעם יום טוב, אויף אַזוי ווייט אַז אפילו אין בית המקדש האָט מען געמוזט מאַכן אַ גרויסן תיקון, אין דער צייט ווען מ'האָט זיך געפרייט ביי שמחת בית השואבה (סוכה נא:), כדי מ'זאָל נישט צוקומען צו אַ מכשול ח"ו.

**לח.** אַמאָל האָט מען געברענגט אַ גאָר שיינעם אתרוג, ממש 'בתכלית ההידור', צום ערשטן באָבובער רב הרה"ק מהר"ש זי"ע, אָבער צו דער פאַרוואונדערונג פון זיינע מקורבים, האָט דער באָבובער רב אָבער געזאָגט, אַז טראָץ דער שיינקייט פון דעם אתרוג וועט ער עס נישט נוצן, און ער וועט נישט מאַכן די ברכה דערויף, נאָר אויף אַן אַנדערן אתרוג וואָס ער האָט שוין צוגעגרייט. מפני הכבוד והיראה, האָבן די מקורבים נישט געפרעגט דעם רב פאַרוואָס ער וויל נישט שאָקלען דעם אתרוג. אָבער ביים דאַווענען האָט איינער פון די גבאים באַשלאָסן אַז אויב דער רבי נעמט נישט דעם שיינעם אתרוג, פאַרוואָס זאָל ער (דער גבאי) נישט מקיים זיין די מצוה בתכלית השלימות? ווען ער האָט גענומען דעם אתרוג צו מאַכן דערויף די ברכה, איז דער אתרוג אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט. צוליב זיין גרויסן פּחד איז דער אתרוג געפאַלן מיט'ן פּיטום אַראָפּ. ווען ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן אויפצוהייבן דעם אתרוג פון דער ערד, האָט ער באַמערקט אַז דער פּיטום איז געווען באַהאָפטן צום אתרוג מיט אַ נאָדל... אַזוי אַז דער אתרוג איז מדינא געווען פסול.

די מעשה האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישן די חסידים. אַלע האָבן באַוואונדערט דעם אָפּענעם רוח הקודש פון באָבובער רב, ווי ער האָט געזען מיט זיינע לעכטיגע אויגן זיך צו היטן פון בענטשן אויף אַ פּסול'ן אתרוג.

שפּעטער, ווען דער באָבובער רב האָט געזען ווי דער עולם וואונדערט זיך, האָט ער עס אַוועקגעמאכט, זאָגנדיג אַז דאָ איז בכלל נישט געווען אַ מופת אָדער רוח הקודש, 'לא מיניה ולא מקצתיה', נאָר ווען ער האָט געזען אַז מ'האט אים געברענגט אַן אתרוג בתכלית השלימות, וואָס האָט נישט קיין פלעק, האָט ער פאַרשטאַנען אַז מסתמא איז זיכער דאָ עפּעס אַ באהאַלטענער פעלער, **ווייל אויף דער וועלט איז נישט דאָ אַ זאַך וואָס איז אינגאַנצן בשלימות.**

**פון דער מעשה קענען מיר ארויסנעמען א שטארקע חיזוק, ווייל דער אתרוג איז דאָך מרמז אויפ'ן האַרץ. דער מענטש דאַרף וויסן אַז ער טאָר קיינמאָל נישט אַריינפאַלן אין יאוש, אין יעדן מצב וואָס ער זאָל נאָר נישט זיין. אויך ווען דער מענטש זעט אַז ער האָט חסרונות, טאָר ער נישט ווערן געפאַלן ביי זיך, נאָר ער דאַרף וויסן אַז ס'איז נישט דאָ אויף דער וועלט אַזאַ זאַך ווי שלימות, און אַז די עבודה פון אַ איד איז כסדר צו האַלטן מלחמה קעגן דעם יצר הרע. דאָס איז דער ציל פון זיין באַשאַפונג אויף דער וועלט. ממילא טאָר מען נישט ווערן מיואש פון די נפילות, ווייל דאָס איז דאָס חיות פון דעם מענטש אויף דער וועלט.**

**לט.** עס שטייט אין תיקוני זוהר (כט.) אַז די ד' מינים פון דעם לולב זענען דער 'וואָפן', וואָס טוט אויסרופן 'דידן נצח', 'דידן נצח'. דאָס מיינט, אַז אידן האָבן געזיגט אין דער 'מלחמה' אין די ימי הדין.

נידה׳. יעדער איד האט נאך האפענונג, אבער דאס אלעם מיט׳ן תנאי אז ער זאל זיך באהעפטן מיט די צדיקים און ערליכע אידן, און אזוי זאגן חז״ל (ויק״ר פ״ל, יב) אז די ארבעה מינים וואס מ׳נעמט אין יום טוב סוכות, זענען אנטקעגן די פיר מדריגות ביי מענטשן. דער ׳אתרוג׳ האט א טעם און א ריח. דער ׳לולב׳ האט א טעם (ווייל עס איז פון די ביימער וואו עס וואקסן טייטלען), אבער עס האט נישט קיין ריח. די הדסים האבן א גוטן ריח, אבער זיי האבן נישט קיין טעם, און די ערבות האבן נישט קיין טעם און נישט קיין ריח.

אזוי זענען דא צווישן אידן פיר סארטן מענטשן: אידן וואס זענען בעלי תורה און מצוות, מענטשן וואס לערנען תורה אבער זענען נישט מקיים די מצוות. אידן וואס זענען מקיים די מצוות, אן תורה, און אזעלכע וואס האבן נישט אין זיך, נישט תורה און נישט מצוות. האט די תורה באפוילן צוזאמענצובינדן אלע פיר מינים, און איין מיל זאל מכפר זיין אויפ׳ן אנדערן מין.

**דאס** זעלבע איז מיט די אידן. ווען אידן לעבן באחדות, טוען זיי משלים זיין איינער דעם אנדערן[מ].

---

**מן הבאר**

מורא׳דיגע ווערטער זאגט דער ׳בית אברהם׳ (סוכות, ד״ה ׳ולקחתם׳), ער שרייבט: **פר״י ע״ץ הד״ר**, איז סופי תיבות **יצ״ר**. דאס הארץ פון א איד איז א ׳פרי עץ הדר׳, און כאטש דער יצר הרע ברענט אין אים אומאויפהערליך, האט דער אויבערשטער אויסגעקליבן דאס הארץ צו מאכן א נחת רוח פאר אים, מער ווי די עבודה פון מלאכים און שרפים. און דאס איז דער רצון פון דעם אויבערשטען, אז דער מענטש זאל אייביג האבן א שווערע מלחמה!

---

דארף מען לכאורה פארשטיין, ביי מלחמות צווישן לענדער איז איינגעפירט, אז דער צד וואס זיגט אין דער מלחמה לייגט אוועק זיינע וואפנס, און די זיגרייכע סאלדאטן גייען אדורך מיט זייער קעניג בראש מתוך מנוחה און שלוות הנפש. אויב אזוי, פארוואס האט דער אויבערשטער באפוילן ארויסצוגיין מיט די כלי זיין אין די הענט נאך דעם ווי מ׳האט געזיגט אין דער מלחמה?

דער תירוץ איז, ווי צדיקים האבן געזאגט, אז **די מלחמה מיט׳ן יצר הרע איז אנדערש. אויך נאך דעם ווי דער מענטש האט געזיגט איינמאל און נאך אמאל, דארף ער וויסן אז ער בלייבט אייביג אן ׳איש מלחמה׳**. אדרבה, דאס איז דער נצחון, ער זאל ארויסגיין מיט זיין וואפן, און ווייטער שטיין פעסט אין דער מלחמה, כי זה כל האדם.

**מ.** צוליב דעם טעם דארף מען זייער שטארק אכטונג געבן זיך צו חבר׳ן **נאר** מיט ערליכע אידן וועלכע קענען אים ארויסהעלפן אין עבודת ה׳.

הגה״צ רבי יצחק שלמה אונגאר זצ״ל, דער רב פון ׳חוג חתם סופר׳ אין בני ברק, פלעגט נאכזאגן אין נאמען פון דעם גאון בעל ׳חתם סופר׳ זי״ע, די ערבה האט נישט קיין טעם און קיין ריח, און פונדעסטוועגן, נעמט מען עס מיט ליבשאפט צוזאמען מיט די אנדערע מינים, און מ׳שאקלט עס. אבער הושענא רבה, ווען די ערבה גייט ארויס פון איר ׳באהעפטונג׳ מיט די אנדערע מינים, און נישט נאר דאס, נאר זי באהעפט זיך מיט ענליכע ערבות אזוי ווי זי, וואס ערבות האבן דאך נישט קיין טעם און קיין ריח, טוט מען זיי אלע צעקלאפן, ווייל מ׳טאר זיך נישט באהעפטן מיט רשעים.

הרה״ק רבי מאיר׳ל פרעמישלאנער זי״ע האט אמאל געזאגט מוסר פאר א פראסטן מענטש אויף זיינע עבירות. האט יענער געענטפערט חוצפה׳דיג:

- דער רבי איז אין דער בחינה פון דעם אתרוג, וואס האט א טעם און א ריח, אבער איך בין אזוי ווי די ערבה וואס האט נישט קיין טעם און קיין ריח. אבער סוף כל סוף, קען איינס נישט גיין אן דעם אנדערן. אויב א מענטש וועט נעמען אן אתרוג, אפילו א ׳מהודר שבמהודרים׳, ער וועט עס נישט שאקלען צוזאמען מיט די ערבה, האט ער נישט מקיים געווען די מצוה. אויב אזוי, וואס איז דער חילוק צווישן מיר און דעם רבי׳ן?ביידע דארפן מיר אנקומען איינער צום אנדערן. יעדער איינער פאר זיך איז גארנישט ווערד.

האט הרה״ק רבי מאיר׳ל אים געענטפערט:

- דער חילוק צווישן אונז איז פשוט. ריכטיג טאקע, אז לכתחילה דארף מען אוודאי מאכן אן ׳אגודה אחת׳, צו טוהן דעם רצון פונעם באשעפער בלבב שלם. אבער ווען די ערבה ציט זיך ארויס פון דעם כלל און ער באהעפט

# הושענא רבא

### לעת היתום - די 'קוויטלעך' ווערן איבערגעגעבן אין הושענא רבא

**דער** זוהר הקדוש זאָגט[מא] (ח"א, רב. בתרגום), אַז אין ראש השנה שרייבט מען די 'קוויטלעך', און זיי געפינען זיך אין דעם אויבערשטען'ס אוצר. אויב דער מענטש איז זוכה צו תשובה טוהן, צערייסט מען דעם בריוו. דערנאָך האָט דער אויבערשטער צוגעגרייט יום כיפור אַלס אַ טאָג פון תשובה. אויב דער מענטש האָט תשובה געטוהן איז גוט, און אויב נישט, באַפעלט דער אויבערשטער אַז מ'זאָל אונטערשרייבן די בריוו. אויב דער מענטש האָט זוכה געווען און געטוהן תשובה, אָבער ס'איז נישט בשלימות, וואַרט מען פאַר אים ביז'ן לעצטן טאָג וואָס דאָס איז שמיני עצרת, דער לעצטער טאָג פון יום טוב סוכות. דעמאָלס, אויב ער האָט זוכה געווען און תשובה געטוהן, צערייסט מען די בריוו, און אויב נישט, גייען אַרויס די קוויטלעך פונעם קעניג'ס הויז, און מ'גיט זיי איבער אין די הענט פון די ממונים מקיים צו זיין דעם פסק. דאַן קומען זיי שוין נישט צוריק צום קעניג, נאָר זיי ווערן פאַקטיש אויסגעפירט.

**זעען** מיר פון די ווערטער פון זוהר הקדוש, אַז הושענא רבא איז אַ 'יום הדין', אַזוי ווי ראש השנה און יום כיפור.

**און** כאָטש פון די ווערטער פון זוהר הקדוש איז לכאורה משמע, אַז די קוויטלעך ווערן איבערגעגעבן אין שמיני עצרת, נישט הושענא רבא, זאָגט שוין דער אר"י הקדוש זי"ע ('שער הכוונות', ענין סוכות, דרוש ו) אַז די 'קוויטלעך' ווערן באמת איבערגעגעבן אין הושענא רבא, נאָר די שליחים האָבן נישט קיין רשות צו טוהן קיין שום זאַך ביז שמיני עצרת. אויב דער מענטש טוט נאָך דעמאָלס תשובה, צערייסט מען באַלד יענע צעטלעך[מב].

**אַזוי** שרייבט דער 'ריקנטי' אין זיין פירוש על התורה (פ' שלח) אַז עס זענען דאָ קהילות וואו מ'זאָגט 'בראש השנה ישפוטון, וביום צום כיפור יכתבון, 'ביום הושענא יחתמון'.

**דער** גאון רבי יהונתן אייבעשיץ זי"ע שרייבט אין זיין ספר 'יערות דבש' (ח"א, דרוש ו'), אַז די 'בינונים'

---

זיך מיט חברים אַזוי ווי ער, נעמען מיר צוזאַמען די ערבות און מ'קלאַפּט זיי אין דער ערד ביז עס גייט אַרויס זייער 'נשמה'...

אַ וואונדערליכן רעיון וועגן די ארבעה מינים, האָט געזאָגט דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, ווי זיין תלמיד (הרה"ג רבי אברהם אבא קאָסאָווסקי ז"ל, אב"ד ביאַנאָוו) האָט געזאָגט, אַז ער האָט עס אליין געהערט פון דעם הייליגן 'חפץ חיים': דער אתרוג האָט אַ טעם און אַ ריח. דער לולב האָט אַ טעם, און נישט קיין ריח. דער הדס האָט אַ ריח און נישט אַ טעם, און די ערבה האָט נישט קיין טעם און נישט קיין ריח. זאָגן חז"ל, 'יבואו אלו ויכפרו על אלו', איינער זאָל פאַרגעבן פאַר'ן צווייטן, און חז"ל ברענגען דערויף דעם פסוק (עמוס ד, מב) 'ואגודתו על ארץ יסדה' וגו'.

האָט דער 'חפץ חיים' געזאָגט, דער אתרוג וואָס איז אין דער העכסטער מדריגה, דאָס מיינט מען דעם תלמיד חכם, ער דאַרף אויך זיין באַהאָפטן צו די אַנדערע מינים. די אַנדערע מינים זענען צוזאַמענגעבונדן אַ גאַנצן טאָג, אָבער דער אתרוג באַהעפט זיך מיט די אַנדערע מינים נאָר ווען מ'איז מקיים די מצוה. אָבער שפּעטער גייט ער צוריק צו זיין אָרט.

פון דעם לערנען מיר, אַז מ'דאַרף גאָר שטאַרק אַכטונג געבן און זיך באַהעפטן נאָר מיט גוטע חברים. דער אתרוג דאַרף זיך נאָך מער היטן, זיך צו געפינען כסדר נאָר צווישן 'אתרוגים'... (געברענגט אין 'שיחות חפץ חיים', ע' קלג)

**מא.** די מסדרים פון 'תיקון ליל הושענא רבא' האָבן אויסגעשטעלט דעם סדר, צו זאָגן די אויבן-דערמאָנטע ווערטער פון זוהר ביים **סוף** פון דער נאַכט, אָבער באמת איז גוט צו לערנען דעם זוהר **אָנהייב** נאַכט. דאַן ווערט מען צוגעזאגט צו די הייליגע נאַכט אויף גאָר אַן אַנדערן אופן.

**מב.** נאָר ס'זענען דאָ דעות צווישן די מקובלים, אויב די שליחים האָבן רשות שוין ביי **עלות השחר** פון שמיני עצרת, אָדער ערשט ביי **תפילת מוסף**.

ווערן בכלל נישט אויפגעשריבן אין ראש השנה. זייער כתיבה איז אין יום כיפור, און זייער חתימה איז צען טעג שפעטער, ליל הושענא רבא. און דאס איז טאקע דער טעם פארוואס הושענא רבא ווערט נישט דערמאנט אין די תורה, ווייל די תורה איז געזאָגט געוואָרן בכלליות פאַר צדיקים און ערליכע אידן, וואָס זייער חתימה איז אין יום כיפור.

**דער** 'סדר היום' שרייבט (סדר יום הושענא רבא) אַז וויבאַלד עס איז אַ מורא'דיגער טאָג, ווען מ'פאַרזיגלט אַלע ספרים, און די פסקי דין ווערן געגעבן אין דער האַנט פון יעדן משטין ומקטרג, דעריבער דאַרף מען פאַרמערן אין דעם טאָג צו טוהן צדקה און תפילה ותחנונים, כדי מעורר רחמים צו זיין אין הימל אַז מ'זאָל רחמנות האָבן אויף אונז, און מ'זאָל אונז פאַרשרייבן אין דעם ספר החיים, און אין דעם ספר פון די צדיקים צו אַ גאולה און ישועה.

**הושענא** רבא, איז דאָך איינער פון די פיר טעג וואָס דער של"ה הקדוש זי"ע ברענגט אין נאָמען פון די קדמונים, אַ סימן אין פסוק (עמוס ג, ד) 'אריה שאג מי לא יירא'. 'אריה' איז די ראשי תיבות פון 'א'לול ר'אש השנה י'ום הכיפורים ה'ושענא רבא. דאָס הייסט, אַז אויך אין הושענא רבא שרייט דער 'לייב', אַז מ'זאָל תשובה טוהן, און 'מי לא יירא' - ווער ציטערט דען נישט דעמאָלס פון פחד הדין[מג].

**אויך** איז עס אַ טאָג פון מחילת עוונות, אַזוי ווי יום כיפור, ווי דער 'מטה משה' ברענגט (סימן תתקנז) פון חז"ל, אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברהם אבינו ע"ה, איך בין אַ יחיד און דו ביזט אַ יחיד. איך

## מן הבאר

דער גאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל זאָגט ('הליכות שלמה', סוכות, ע' רמא) אַ טעם פאַרוואָס עס ווערט נישט דערמאנט אין תורת הנגלה וועגן די גרויסקייט פון דעם טאָג הושענא רבא, אַז עס איז דער טאָג פון די חתימה און גמר דין, ווייל אין די פריערדיגע דורות האָט אַזאַ ידיעה, אַז עס איז אַ יום הדין, געקענט גורם זיין צו שטערן אידן פון מקיים זיין די מצוה פון 'ושמחת בחגך'. צוליב דעם האָבן חז"ל נישט דערמאנט אַז הושענא רבא איז אַ יום הדין, אָבער וויבאַלד שפּעטער זענען די דורות געוואָרן שוואַכער און שוואַכער, און מ'ציטערט שוין סיי-ווי נישט אַזוי פאַר דעם יום הדין, און פון דער אַנדערער זייט, האָבן חז"ל געוואָלט אַז אידן זאָלן פאַרשטיין אויסצונוצן **דעם שעת הכושר תשובה צו טוהן**, וועגן דעם האָבן זיי אונז אנטפלעקט די הייליגקייט פון דעם טאָג, אַז עס איז דער טאָג פון דעם גמר החתימה.

מ'קען זאגן נאך א פשט, אַז באמת, אין די פריערדיגע דורות איז עס יא געווען באַקאַנט פאַר די ערליכע אידן, חסידים ואנשי מעשה אז עס איז א יום הדין, אבער זיי האָבן געוואוסט ווי אַזוי איבערצובעטן דעם אויבערשטען **אויך מיט שמחה**, ווייל די שמחה איז געטוהן געוואָרן מיט פחד און יראה פאַר'ן באַשעפער (אין דער בחינה פון 'שמחתי מתוך יראתי'), און אַזוי האָבן זיי מבטל געווען אַלע דינים. אָבער אין די לעצטע דורות, וואָס זענען שוין שוואַכער ווי די פריערדיגע דורות, איז דאָ אַ חשש אַז פון די שמחה וועט מען קומען צו קלות ראש ח"ו, צוליב דעם האָט מען געדאַרפט מער מזרז זיין אידן, און פאַר דעם האָבן חז"ל אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז הושענא רבא איז אַ יום הדין.

**מג.** עס ווערט געברענגט אין ספר 'הליכות שלמה' (סוכות, ע' רמא) אַז ביים גאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל איז ליל הושענא רבא, שוין פון אָנהייב נאַכט געווען די גאַנצע הנהגה פונעם רב **באימה וביראה, ממש אַזוי ווי אין די ימים נוראים**. רוב שעה'ן פון דער נאַכט האָט רבי שלמה זלמן געזאָגט תהלים מיט גרויס התעוררות. אויך ווען ער איז שוין געווען אויף די עלטערע יאָרן, איז ער עטליכע מאָל אויפגעשטאַנען פון בעט און פאָרגעזעצט צו זאָגן תהלים. ער האָט אויך מזרז געווען זיינע בני בית צו זאָגן אסאַך תהלים.

(ער שרייבט אויך, אַז עס איז געווען זייער נישט ניחא פאַר רבי שלמה זלמן דער פאַקט וואָס מענטשן פלעגן קומען אין דעם נאַכט צו באַזוכן (מקיים צו זיין 'קבלת פני רבו ברגל), און אַז ס'איז עמיצער יאָ געקומען, האָט ער מיט אים גערעדט זייער קורץ און תיכף נאָכ'ן שמועס, האָט ער פאָרגעזעצט צו זאָגן תהלים.)

וועל געבן פאַר דיינע קינדער איין טאָג מוחל צו זיין זייערע עבירות, דאָס איז הושענא רבא[מד]. דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברהם אבינו, אויב דיינע קינדער וועלן נישט האָבן אַ כפרה אין ראש השנה, וועלן זיי עס האָבן אין יום כיפור, און אויב נישט, וועלן זיי האָבן זייערע כפרה אין הושענא רבא[מה]...

**עס** איז אָבער קלאָר, אַז מיר האַלטן יעצט ביים סוף פונעם משפט, און דער גאַנצער 'עתיד' אין קומענדיגן יאָר הבאה עלינו לטובה שטייט יעצט אויפ'ן וואָגשאָל. ס'איז נאָך אַלץ מעגליך צו תשובה טוהן און זוכה זיין צו פאַרשריבן ווערן צו אַ זיס לעבטיג יאָר[מו].

**בשפוון תליא - מיר האָבן אין דעם טאָג די כוחות צו שרייען 'טאַטע'!**

**עס** שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ג לב.), אַז די 'ערבה' איז ענליך צו די ליפן פון מענטש, ווייל הושענא רבא (וואָס ווערט גערופן 'יום ערבה'), ווענדעט זיך אַלעס אינעם מויל. כל זמן ס'איז נאָך נישט געזוען דער גמר דין, קען מען נאָך אַלץ ראַטעווען זיך און אַלע ארום[מז].

---

**מד.** דער זוהר הקדוש זאָגט (ח"ג לב.) אַז אין די נאַכט פון הושענא רבא קען יעדער מענטש זען אויף זיין שאָטן וואָס עס וועט פאַסירן מיט אים דורכ'ן יאָר. אויב דער שאָטן זעט אויס ווי עס פעלט דערפון וועט ער האָבן נישט גוטע פאַסירונגען רחמנא ליצלן, און אויב זיין שאָטן איז פול, וועט ער זוכה זיין צו אַ גוט יאָר.

די דערמאַנטע ווערטער פון זוהר הקדוש ווערן געברענגט אין 'רוקח' (הלכות סוכה, אות רכא), אַז דאָס וואָס ס'איז נגזר געוואָרן אין ראש השנה און אונטערגעשריבן געוואָרן אין יום כיפור, ווייזט דער שאָטן אין הושענא רבא.

זאָגט דער 'רוקח' אַ טעם, ווייל די גמרא זאָגט דאָך (ר"ה טז.) אַז אין יום טוב סוכות ווערט די וועלט געמ'משפט אויף וואַסער (דאָס מיינט, פרנסה), און וועגן דעם, איז אין די נאַכט פריער, דאַרף מען זען וויפיל מענטשן דאַרפן האָבן פרנסה אין קומענדיגן יאָר. מ'ווייזט עס אינעם שאטן, און דאַן (אויב דער שאָטן ווייזט אַזוי) זאָגן די מלאכים, יענער וועט דאָך נישט לעבן ח"ו, ממילא דאַרף ער נישט האָבן וואַסער און פרנסה.

דער רמ"א ז"ל שרייבט אבער (סי' תרס"ד ס"א) אַז מ'דאַרף נישט קוקן דערויף, כדי דאָס מזל זאָל נישט זיין שלעכט ח"ו. אויך ווייל אַסאַך מענטשן פאַרשטייען נישט דאָס ענין געהעריג, און **ס'איז פיל בעסער צו זיין אַ 'תמים' און נישט נאָכפאָרשן די צוקונפט**, ע"כ.

מ'טאָר אָבער נישט אַריינפאַלן אין יאוש און עצבות ח"ו, ווייל עס איז באַקאַנט וואָס עס שרייבט דער 'ספר חסידים' (סי' תמ"ב) אַז ס'איז געווען איינער וואָס האָט הושענא רבא ביינאַכט נישט געזען דעם שאָטן פון זיין קאָפּ, און ער און זיינע גוטע פריינט האָבן געפאַסט אַסאַך תעניתים, און ער האָט געטיילט אַסאַך צדקה, און ער האָט דערנאָך געלעבט אַסאַך יאָרן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (משלי יא, ד) 'וצדקה תציל ממות'.

**מה.** דער 'מחבר' שרייבט (סי' תרס"ד, ס"א) אַז מ'צינדט אַביסל מער לעכט, **אַזוי ווי יום כיפור.**

**מו.** אַ טאַטע וואָס האָט ליידער פאַרלוירן אַ קינד רח"ל ביי אַ 'שפּאַציר' וואָס דער מלמד האָט געמאַכט מיט די תלמידים, איז געשטאַנען ביי די לוי' און אנגעהויבן דעם הספד זאָגענדיג הויך: איך באַשולדיג נישט דעם מלמד! האָבן באַטייליגטע ביי די לוי' געמיינט אַז ער גייט יעצט באַשולדיגן דעם מנהל. דאַן האָט דער טאַטע פונעם קינד געזאָגט: איך באַשולדיג אויך נישט דעם מנהל! האָבן אַלע געטראַכט, ווער ווייסט וועמען ער גייט דאָ יעצט באַשולדיגן. צום סוף האָט דער צוברָאכענע טאַטע געזאָגט: **איך באַשולדיג נאָר זיך אַליין, פאַרוואָס איך האָב נישט פאַרגאָסן גענוג טרערן פאַר'ן באַשעפער אין דער צייט ווען די ספרי חיים און ... זענען געווען אָפן. דעמאָלס האָב איך געדאַרפט מער מתפלל זיין.**

**אחי ורעי! מ'דאַרף יעצט האָבן שכל, איידער מ'פאַרזיגלט דעם גזר דין, קען מען נאָך אַלעס ממתיק זיין.**

**מז.** דער הייליגער 'דברי חיים' פון צאַנז זי"ע האָט געזאָגט, אַז 'הושענא רבא' קען מען טייטשן אויף דריי אופנים, און אַלע דריי זענען אמת: **א.** מיר בעטן דעם 'גרויסן' ('רבא') באַשעפער, ער זאָל אונז העלפן. **ב.** דער אויבערשטער זאָל העלפן די אידן, וואָס ווערן גערופן 'בני בכורי ישראל' (שמות ד, כב). **ג.** דער אויבערשטער זאָל אונז העלפן מיט אַ גרויסע ישועה ('רבא'), מיט די גאולה שלימה במהרה בימינו.

ביים קאַרלינער רבי'ן הרה"ק רבי אברהם אלימלך זצ"ל הי"ד, האָט אַמאָל פאַסירט אַז הושענא רבא ביינאַכט, איז ער אַריינגעקומען אין בית המדרש און געזען צוויי יונגעלייט שמועסן צווישן זיך. האָט ער זיי געזאָגט: 'מסתמא

**מ'קען** זען עד היכן הדברים מגיעים, פון די ווערטער פון דעם 'רוקח' (הל' סוכות, אות רכא) אַז בית דין פלעגט מעבר זיין די חדשים לויט'ן צורך, כדי הושענא רבא זאָל נישט אויסקומען אין שבת, ווייל מ'פלעגט דעמאָלס מתפלל זיין אויף וואַסער, און עס איז נישט אויסגעהאַלטן עס צו טוהן אין שבת.

**פון** דעם זעען מיר ווי גרויס עס איז דער טאָג פון הושענא רבא, אַז מ'שטופט אָפּ אַלע ימים טובים פונעם 'ירח האיתנים', חודש תשרי, ראש השנה און יום כיפור, אַלעס כדי הושענא רבא זאָל נישט אויסקומען אין שבת, און חז"ל זאָגן דאָך, 'מי נדחה מפני מי, הוי אומר קטן נדחה מפני גדול'...

**נאָך** מער, מיר זעען אַז חז"ל האָבן נישט חושש געווען גורם צו זיין אַז ראש השנה זאָל אויסקומען אין שבת, וואָס דורך דעם איז מען מבטל די מצוה פון תקיעת שופר אין שבת. זיי האָבן נאָר געזאָרגט אַז הושענא רבא זאָל נישט זיין שבת.

**זעען** מיר פון דעם די גרויסקייט פון די תפילות פון אידישע קינדער אין דעם טאָג פון הושענא רבא - עס איז אַזוי ווי 'פיקוח נפש' ממש - ביז עס קען נישט אויספאַלן אין שבת. ממילא, דאַרף מען שטאַרק בעטן אין דעם הייליגן טאָג, ווייל דער גאַנצער מהות פונעם מענטש'נס לעבן ווענדעט זיך אין דעם טאָג.

**דער** 'שפתי צדיק' ברענגט (הושענא רבא, אות לב) אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, מיר געפינען ביי די 'נערה המאורסה', אַז אפילו אויב זי איז געווען געצוואונגען, ווערט זי באַשטראָפט מיט אַ האַרבע שטראָף 'על דבר אשר לא צעקה' (דברים כב כד). פון דעם זעט מען אַז ווען דער מענטש קען שרייען און ער שרייט נישט, איז עס אין גדר פון אַ 'רצון' [און ס'ווערט נישט באַטראַכט ווי אַן 'אונס']. ממילא, דאַרף מען שרייען הושענא רבא צום באַשעפער: 'הושענא'[מח]. און אַז מ'שרייט, ענטפערט דער

---

רעדט איר דאָ גאָר וויכטיגע זאַכן וואָס מ'קען עס נישט אָפּשטופּן, אָבער פונדעסטוועגן, **וואָלט געווען בעסער אויב איר וואָלט גערעדט וועגן דעם אינמיטן 'כל נדרי', ענדערש ווי אין די היינטיגע הייליגע נאַכט**...

עטליכע יונגעלייט 'מבקשים', זענען אַמאָל הושענא רבא ביינאַכט צוגעגאַנגען צו דעם באַקאַנטן חסיד רבי אליהו ראָטה זצ"ל (מנקיי הדעת שבירושלים און דער משמש בקודש פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע), און אים געזאָגט אַז זיי ווילן הערן פון אים אביסל דברי חיזוק. האָט רבי אליהו זיך אָנגערופן צו זיי מיט אַ 'קאָך':

**- יעצט איז נישט די צייט אַפילו פאַר חיזוק שמועסן. נעמט שנעל אַ תהלים אין האַנט, און הייבט אָן בעטן... ווייל מ'דאַרף אויסנוצן יעדע רגע. די צייט ברענט ווי אַ פייער, און מ'טאָר נישט פאַרפאַסט אַזאַ געהויבענעם שעת הכושר.**

**מח.** אַמאָל ווען דער מיטעלער בעלזער רב הרה"ק מהר"י זי"ע איז געגאַנגען צום 'ציון' פון זיין טאַטן, הרה"ק השר שלום זי"ע, האָט ער דערציילט פאַר די אַרומיגע אַ מורא'דיגע מעשה:

אין די צייטן פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק, איז געווען אַ איד וואָס האָט נישט געהאַט קיין קינדער ל"ע. דער איד פלעגט זיך כסדר מזכיר זיין ביים רבי'ן ר' אלימלך מיט אַ קוויטל, געהאָלפן צו ווערן מיט אַ קינד. נאָך לאַנגע יאָרן, איז ער טאַקע געהאָלפן געוואָרן מיט אַ בן זכר למזל טוב...

יאָרן שפּעטער, שוין נאָך די הסתלקות פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע לחיי העולם הבא, האָט פּאַסירט אַ שרעקליכע צרה רח"ל. דאָס קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט די ברכה פון רבי'ן ר' אלימלך, איז ליידער אַוועק פון דער וועלט רח"ל. דער טאַטע האָט זיך זיך אָבער נישט פאַרלוירן, ער האָט גענומען דאָס קינד צום הייליגן ציון פון רבי'ן ר' אלימלך זי"ע, אַוועקגעלייגט דאָס קינד אויפ'ן ציון, און געשריגן מיט אַ 'צעקה גדולה ומרה': הייליגער רבי, 'אל הנער הזה התפללתי'?! נישט דאָס האָב איך געמיינט מיט די צענדליגער קוויטלעך און פדיון נפש וואָס איך האָב געגעבן פאַר'ן רבי'ן... נישט וועגן דעם האָט מען גערעדט, און איך לאָז דאָ איבער דאָס קינד... און דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען פון דאָרט.

דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע האָט געטוהן וואָס ער האָט געטוהן, און דאָס קינד איז געוואָרן לעבעדיג. דאַן האָט דער רבי ר' אלימלך אים געזאָגט הויך אויפ'ן קול: טייער קינד, **שריי אויס הויך 'טאַטע... טאַטע...', איידער דיין טאַטע וועט זיך דערווייטערן פון דאָ און דו וועסט בלייבן איינער אַליין אויפ'ן בית החיים...**

און דער בעלזער רב הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע האָט אויסגעפירט: לאָמיר שרייען 'טאַטע, טאַטע', אַזוי לאַנג ווי מיר געפינען זיך נאָך נאָנט צום הייליגן ציון פונעם טאַטן...

לדידן יאמר, מיר זענען דאָך אזוי נאָנט צום באַשעפער אין דעם טאָג, און מיר האָבן דעם כח פון תפילה. לאָמיר שרייען צו אונזער טאַטן אין הימל: 'טאַטע, טאַטע...' אַזוי לאַנג ווי מיר זענען נאָנט צו אים, און ער וועט אַוודאי הערן אונזערע תפילות להפקד בדבר ישועה ורחמים, מיט זרע של קיימא, נחת דקדושה פון אַלע קינדער און אייניקלעך, פרנסה בהרחבה, גוטע שידוכים, רפואה שלימה, תשובה שלימה, מיט אלע השפעות טובות.

ס'איז באקאנט, אז הרה"ק מסאַטמאַר זי"ע פלעגט מאריך זיין הושענא רבה ביי די תפילות און נענועים, מיט גרויסע בכיות, און ער פלעגט שטאַרק מעורר זיין דעם עולם אין זיינע קורצע דרשות צווישן די שטיקלעך פון די הושענות. אַזוי פלעגט עס דויערן ביז שפעט פאַר'ן זמן פון שמיני עצרת, און ווען הושענא רבה איז געווען פרייטאָג, פלעגט מען אויסרופן אין שול, אַז די נשים זאָלן זיך צואיילן און אַהיים גיין צינדן די שבת-לעכט. און פאַר'ן אָנווזנדן עולם האָט דער רבי זי"ע געזאָגט דעם פאָלגנדן משל, אַרויסצוברענגען די הייליגקייט פון דעם טאָג:

אַ געוויסע שטאָט האָט זיך פאַרזינדיגט קעגן דעם קעניג, און זיי זענען פאַראורטיילט צו פאַרלענדונג רח"ל. אין זייער שווערן קלעם, האָבן די שטאָט לייט זיך באַראטן מיט דעם קעניג'ס מיניסטאָרן און ראַטגעבער, און זיי האָבן אויסגעפונען אַז אין אַ געוויסן טאָג פירט זיך דער קעניג צו גיין שפּאַצירן אין אַ גאָרטן, און דאַן קען מען צוקומען צו אים און בעטן אַ באַגנאַדיגונג.

האָבן די פרנסים פון שטאָט אַזוי געטוהן. אין דעם אָנגעגעבענעם טאָג האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט אין יענעם גאָרטן, און געוואַרט מיט שפּאַנונג ביז דער קעניג וועט אָנקומען. עס זענען אָבער פאַרביי געגאַנגען אַ שעה און צוויי שעה, אָבער דער קעניג איז נישט אָנגעקומען. זיי האָבן אָבער ווייטער געוואַרט ביז ס'איז געוואָרן טונקל, און זיי האָבן נאָך אַלץ נישט געזען די קעניגליכע קאַרעטע. זענען זיי געוואָרן זייער טרויעריג, צי זיי האָבן נישט פאַרפאַסט זייער לעצטע האָפענונג.

צווישן די פאַרזאַמלטע אין דער דעלעגאַציע, איז געווען אַ קלוגער מענטש, האָט ער געזאָגט מיט אַ זיכערן טאָן: 'דער קעניג היט דאָך די געזעצן פון לאַנד, און אויב ס'איז דער שטייגער פון די קעניגן צו שפּאַצירן דאָ אין דעם גאָרטן אין דעם טאָג, איז דאָך אַוודאי אָן אַ ספק, אַז דער קעניג דרייט זיך דאָ, און דאָס וואָס מיר זעען אים נישט, איז עס דערפאַר ווייל ער דרייט זיך אַרום מיט פשוט'ע קליידער, דעריבער, **לאָמיר אַלע שרייען צום קעניג, ער זאָל אונז העלפן וואו ער געפינט זיך נאָר**'.

און דער רבי זי"ע האָט אויסגעפירט: אָט גייט דער טאָג שוין פאַרביי, און כאָטש עס דאַכט זיך פאַר'ן מענטש אַז ער איז נישט זוכה צו גילוי שכינה, מיר זענען ליידער נישט זוכה צו זען די שכינה הקדושה, טאָר מען נישט אַזוי טראַכטן, נאָר באמת איז דער אויבערשטער מיט אונז, כאָטש עס זעט נישט אויס אַזוי מיט די פליישיגע אויגן, און דעריבער, לאָמיר אַלע צוזאַמען אויסשרייען: 'הושע נא והושיעה נא אבינו אתה'... ווייל **דער אויבערשטער איז דאָך אונזער פאָטער וואו ער געפינט זיך נאָר, און דעריבער שרייען מיר אויס 'הושע נא'**, ווייל דאָס איז דער עיקר און דער יסוד אויסצושרייען צום בורא כל עולמים פון טיפן האַרצן, געבן אַ געשריי צום באַשעפער, און מ'וועט אַוודאי געהאָלפן ווערן.

עס ווערט דערציילט (אין ספר 'מאריה דארעא דישראל', תולדות הגאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל גאב"ד ירושלים), **וועגן דעם** גאון רבי ישעי' ברדאקי זצ"ל, וועלכער איז געווען פון די גרינדער פונעם ישוב אין ירושלים עיה"ק. ווען ער איז אַרויפגעקומען מיט די שיף קיין ארץ ישראל צוזאַמען מיט זיינע צוויי קליינע קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער, איז די שיף צובראָכן געוואָרן אינמיטן וועג, ווען זיי זענען שוין געווען נישט ווייט פון די ברעגן פון ארץ ישראל, און זיי זענען געווען געצוואונגען אַריינצושפּרינגען אין ים, און שווימען אויפ'ן וואַסער. האָט דער טאַטע, רבי ישעי', גענומען אויף די הענט זיינע צוויי קליינע קינדער, און פרובירט שווימען צוזאַמען מיט זיי... נאָך אַ קורצע צייט האָט ער אָבער געשפירט ווי די כוחות לאָזן זיך אים אויס, און ער האָט פאַרשטאַנען אַז אויב ער וועט פאַרזעצן צו האַלטן ביידע אויף די הענט, וועלן אַלע דריי חלילה דערטרינקען ווערן אינעם ים. אין יענע שווערע מינוטן, האָט ער אַריינגעקלערט ע"פ הלכה, ווער פון זיי ס'איז וויכטיגער, און וועמען ער דאַרף מפקיר זיין פאַר'ן צווייטן. צום סוף איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז צו ראַטעווען דעם זון איז פריער ווי צו ראַטעווען זיין טאָכטער, ווי עס איז מבואר אין די פוסקים.

איידער ער האָט אָבער נאָכגעלאָזט זיין האַנט פון זיין טאָכטער, האָט ער איר געזאָגט מיט אַ צובראָכן און ציטערדיג האַרץ, איך האָב מברר געווען די הלכה, און כדי צו ראַטעווען כאָטש צוויי נפשות, מוז איך דיך איבערלאָזן אַליין... ווען דאָס קליינע מיידל האָט דאס געהערט, האָט זי אָנגעהויבן שרייען: **'טאַטע... טאַטע... איך האָב נישט אויף וועמען זיך אָנצוהאַלטן נאָר אויף דיר, צי וועסטו מיך איבערלאָזן און אַריינוואַרפן אין ים?'** (זי האָט געמיינט אַרויסצוברענגען, האָב רחמנות אויף מיר, אָן צו 'טראַכטן חשבונות', אַז על פי דין ביזטו מחויב אַזוי צו טוהן). הערנדיג אירע ווערטער, איז דער טאַטע איבערגענומען געוואָרן, און האָט אָנגעהויבן שרייען צום באַשעפער ער זאָל זיך דערבאַרימען און ראַטעווען אַלע דריי נפשות. ער האָט טאַקע באַלד געשפּירט ווי ער באַקומען נייע שטאַרקע כוחות, און מיט דעם כח איז ער צוגעשוואומען מיט די צוויי קינדער צום ברעג, און אַלע דריי זענען ב"ה געבליבן לעבן.

אין ירושלים האָט מען געטייטשט דעם פסוק (תהלים סח, לה) 'תנו עוז לאלוקים'. **מיט אונזערע תפילות, גיב מיר אַ כח פאַר דעם אויבערשטען כביכול אונז צו העלפן מיט אַ ישועה.**

## מן הבאר

דער 'מנורת המאור' שרייבט, איך האָב געהערט אַז **די ערבה פון הושענא רבא האָט אין זיך די סגולה פאַר אַ שמירה אויפ'ן וועג**, ווען מ'האָט אין זינען בשעת'ן קלאַפּן, אָפּגעהיטן צו ווערן פון סכנת דרכים.

דער 'ליקוטי צבי' (ענייני תפילת הדרך) ברענגט אין נאָמען פון אַ קדמון, אַז אויב מ'געפינט זיך אין אַ סכנה ח"ו אויפ'ן וועג, איז אויב מ'האָט מיט זיך אַן אויסגעקלאַפּטע ערבה איז גוט, און אויב נישט, **זאָל מען זיך דערמאָנען וואו מ'האָט עס אַוועקגעלייגט, און מ'זאָל זאָגן 'אני והו הושיעה נא', וועט מען זען ניסים.**

דער 'כף החיים' ברענגט אין נאָמען פונעם ספר התניא, אַז **מ'פלעגט אַוועקלייגן די אויסגעקלאַפּטע ערבות צוקאָפּענס פונעם בעט, אַרויסצואווייזן ליבשאַפט פאַר די מצוה.**

מ'קען פון דעם לערנען אַ 'קל וחומר', אויב איינער האַלט ביי זיך די אויסגעקלאַפּטע ערבה און ער זאָגט 'אני והו הושיעה נא', זעט ער ניסים און עס איז אַ שמירה אויפ'ן וועג, איז דאָך אַ **'קל וחומר, בן בנו של קל וחומר', אַז ווען מ'האַלט אין דער האַנט דאָס בינטל מיט די ערבות אין הושענא רבא, און מ'זאָגט 'אני והו הושיעה נא', איז אַוודאי אַ שעת הכושר משפיע צו זיין אויפ'ן מענטש אַ שמירה פון הימל אין אַלע ענינים.**

אין צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה, האָט דער גאון בעל 'אור שמח' זצ"ל געטיילט פאַר אידישע סאָלדאַטן וואָס האָבן געדאַרפט אַרויסגיין קעמפן אויפ'ן פראָנט, פון די אויסגעקלאַפּטע ערבות פאַר אַ שמירה, געראַטעוועט צו ווערן פון יעדע סכנה ביי די שלאַכטן. די אידישע זעלנער וואָס האָבן באַקומען די ערבות פונעם 'אור שמח', זענען טאַקע צוריקגעקומען געזונט און שטאַרק פון די מלחמה.

אויך איז כדאי אַראָפּצוברענגען וואָס עס ווערט געברענגט אין 'ספר המידות', אין נאָמען פון ספר 'יפה ללב', **אַ סגולה קעגן פחדים ביי קינדער וכדומה, נאַכט שרעק אָדער פון חלומות, אַז מ'זאָל באַהאַלטן פון די ערבות צוקאָפּענס און מ'זאָל שלאָפן דערויף, וועלן אַלע פחדים פאַרשווינדן.**

**הושענא רבא, ווען מיר שרייען 'הושענא', ווי אַ קינד וואָס שרייט 'טאַטע, העלף', זענען מיר ביכולת צו פועל'ן אַלע סאָרטן ישועות, אָן צו מאַכן חשבונות וואָס עס קומט אונז על פי דין, נאָר ער וועט אונז העלפן מיט זיין גרויס רחמנות.**

דאָס איז וואָס מיר שרייען אויס אין דעם טאָג, **הושע נא והושיעה נא 'אבינו אתה'**. מיר האָבן דאָך נישט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, נאָר אויף אונזער ליבן טאַטן אין הימל. אַז מיר וועלן אַזוי שרייען, וועלן מיר אַוודאי געהאָלפן ווערן מיט 'הושענא רבא'...

מיר האָבן שוין דערציילט, אַז הרה"צ רבי יהודה לייב סלאנים זצ"ל (פאָטער פון הרה"ק רבי מאָטיל סלאָנים זצ"ל) איז אַמאָל געפאָרן פון טבריא קיין סלאָנים, צו זיין רבי'ן, הרה"ק בעל דברי שמואל זצ"ל. פאָרנדיג צוריק אויף די באַן פון סלאָנים קיין אַדעס, פון וואו ער איז געפאָרן קיין ארץ ישראל מיט די שיף, האָט רבי יהודה לייב באַקומען גרויסע יסורים ל"ע צוליב אַן אַטאַקע פון די מערידין רח"ל. אַ איד וואָס האָט זיך געפונען אויף די באַן, האָט באַמערקט אויף רבי יהודה לייב אַז ער שפּירט זיך נישט גוט, און ער האָט אים געפרעגט וואָס עס קומט פאַר מיט אים. האָט רבי יהודה לייב געענטפערט אַז ער האָט גרויסע יסורים רח"ל. האָט דער איד געזאָגט: **"הוא יקראני,**

אויבערשטער זיכער, און יעדער איינער איז מחויב צו שרייען כאָטש ער ווייסט נישט וואָס ער דאַרף האָבן

און וואָס עס פעלט אים, פונדעסטוועגן זאָל ער שרייען סתם 'הושע נא'.

---

**אבי אתה"** (תהלים פט, כז), **אין יעדן מצב וואָס אַ איד געפינט זיך, אויב ער שרייט, "טאַטע, העלף!", איז ער זוכה צו אַ ישועה פון דעם באַשעפער:** "קלי וצור ישועתי".

האָט רבי יהודה לייב שפּעטער דערציילט, אַז תיכף נאָך דעם ווי ער האָט געהערט די ווערטער פון דעם איד'ס מויל, איז אים בעסער געוואָרן ב"ה. אַרויפגייענדיג אויף דער שיף, האָט רבי יהודה לייב זיך איינגע'חזר'ט די ווערטער: "**הוא יקראני אבי אתה, טאַטע'ניו העלף!**", און ער האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ לייכטע נסיעה ווי דאַן.

# שמיני עצרת ושמחת תורה

עכבו יום אחד - אַלע ימים טובים 'דרייען' זיך אַרום שמיני עצרת

**דער** זוהר הקדוש זאָגט (ח"ג לב.) אַז די דינים ענדיגן זיך אין הושענא רבא, און עס פאַנגען זיך אָן די ברכות, ווייל אין שמיני עצרת זענען אידן אָנגעגרייט זיך משתעשע צו זיין מיט'ן קעניג[מט], צו באַקומען פון אים ברכות אויפ'ן גאַנצן יאָר, און ביי די גרויסע שמחה, געפינען זיך נאָר די אידן אַליין. 'ומאן דיתיב עם מלכא ונטל ליה בלחודיה, כל מה דבעי שאיל ויהיב ליה' - און יעדער וואָס זיצט אַליין מיט'ן קעניג, איז אַלעם וואָס ער וויל, קען ער בעטן און דער קעניג וועט ערפילן זיין בקשה.

**אויך** זאָגט דער זוהר הקדוש (ח"א רח:) אויפ'ן פסוק (בראשית מה, א) 'ולא עמד איש אתו בהתודע יוסף אל אחיו', אין דער צייט ווען דער אויבערשטער טוט זיך מייחד זיין מיט אידישע קינדער, קענען די אַנדערע פעלקער נישט אַריינגיין מיט זיי, און וועגן דעם זאָגט דער פסוק (במדבר כט, לה) 'ביום השמיני עצרת תהיה לכם', ווייל אין דעם זמן געפינט זיך דער אויבערשטער אין איין חבורה מיט די אידן אַליין (עיין שם).

**גאָר** וואונדערליכע ווערטער שרייבט דער רמ"ע מפאנו זצ"ל (מאמר חיקור הדין, ח"ב, סוף פכ"ו) אַז דאָס וואָרט 'חג' איז אויך טייטש אַ רינג ('חוגה', און 'עיגול'), וואָס דרייט זיך אַרום אַן אינעווייניגסטע און צענטראַלע נקודה, און דעריבער ווערט שמיני עצרת נישט אָנגערופן 'חג' (שו"ע או"ח סי' תרס"ח), ווייל אַלע אַנדערע ימים טובים 'דרייען' זיך אַרום די נקודה פון שמיני עצרת, ווייל ער איז אַ קדושה וואָס איז העכער פון אַלע קדושות, אַפילו פון די קדושה פון יום כיפור, און עס איז נישט שייך עס אָנצורופן אַ יום טוב.

**אויך** די ווערטער פונעם רמ"ע מפאנו, איז מוסיף דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע (דרשות, סוכות תקפ"א, ד"ה 'והיית'), אַז די קדושה פון שמיני עצרת איז אַנדערש פון די קדושה פון יום כיפור, ווייל די קדושה פון יום

**מט.** דער רמב"ן ז"ל זאגט (פרשת אמור) אַז טעם פאַרוואָס מ'שאקלט נישט לולב און אתרוג אין שמיני עצרת, ווייל שמיני עצרת **איז דער טאָג אַליין איז אין אַ בחינה פון 'הדר'!**

כאָטש מיר האָבן נישט קיין השגה אין די טיפקייט פון די הייליגע ווערטער פונעם רמב"ן, אָבער מיר זעען דאָ פון זיינע ווערטער, אַז דער טאָג איז אַ 'הדר שבהדרים', און דער 'ספר החינוך' זאָגט אַ טעם פאַרוואָס מ'שאָקלט נישט לולב אין שמיני עצרת, ווייל 'יום שמיני עצרת כולו לה'' - **דער טאָג איז אינגאַנצן פאַר דעם אויבערשטען.**

דער 'שפת אמת' שרייבט, אַז אין יום טוב סוכות זיצן מיר אין סוכה אונטער דעם סכך וואָס איז אַזוי ווי אַ 'חופה', וואָס דער אויבערשטער טוט אויסשפרייטן זיין חופה אויף אונז, אָבער אין שמיני עצרת איז עס אַזוי ווי דער 'יחוד' נאָך די חופה [זע אויך אין 'בני יששכר' (תשרי מאמר י, אות י) וואו ער רעדט אַרום איבער די גרויסקייט פון די נאָנטקייט און ליבשאַפט וואָס ס'איז דאָ אין שמיני עצרת, וואָס דאָס מויל קען עס גאָרנישט אַרויסזאָגן, צוליב זייער גרויסע קדושה].

זאָגט דער 'שפת אמת', אַז ביי אַלע ימים טובים האָט די תורה אונז אָנגעזאָגט (דברים טז, טז) 'שלוש פעמים בשנה יראה כל זכורך וגו', ולא יראה את פני ה' ריקם', ווייל דאָס קומען פונעם מענטש פאַר דעם אויבערשטען איז נישט באַוויליגט אויב ער קומט מיט ליידיגע הענט, נאָר כדי אַ מענטש זאָל קענען מקבל זיין די הייליגע שכינה, דאַרף ער פריער באַוויליגן דעם אויבערשטען מיט קרבנות כדי נאָנט צו ווערן מיט אים, אָבער **אין שמיני עצרת, דאַרף מען גאָרנישט טוהן כדי צוצולייגן באַוויליגונג צו דערנענטערן אידישע קינדער צום באַשעפער אין הימל, נאָר דאָס עצם אָנקומען פונעם טאָג איז די שמחה און דער ריצוי פאַר דעם אויבערשטען,** 'כדי שאהנה מכם' - כדי איך זאָל געניסן פון אייך.

כיפור קומט דורך 'עינוי הנפש', ווען דער מענטש פאַסט, אָבער די קדושה פון שמיני עצרת קומט דורך שמחה, און עס איז אין דער בחינה פון 'מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים' (שה"ש, ז, ז), ווייל אהבת ה' דורך פאַסטן, אַזוי ווי יום כיפור, איז אַ קלענערע מדריגה ווי די אהבה פון שמיני עצרת וואָס קומט דורך שמחה. בכלל, איז דער אַכטער טאָג אַליין אַזוי ווי יום כיפור [ווייל אין ביידע, ברענגט מען פאַר אַ קרבן מוסף נאָר איין 'פר' פאַר אַ חטאת], און פונדעסטוועגן, איז זיין קדושה גרעסער ווי די קדושה פון יום כיפור - דורך שמחה - ווען דער גרויסער קעניג - מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא - פרייט זיך מיט די אידן.

**לויט** דעם, זאָגט דער 'חתם סופר' אַ טעם פאַרוואָס שמיני עצרת איז אַנדערש פון אַלע ימים טובים, וואָס זייער קדושה שטייט אויף אַ מצוה, ווי דער קרבן פסח אין יום טוב פסח, דער קרבן פון 'שתי הלחם' אין יום טוב שבועות, שופר אין ראש השנה, עינוי הנפש אין יום כיפור, און די מצוות פון לולב און סוכות אין יום טוב סוכות, און אויך איז דער עיקר פון זייער מצוה נאָר בייטאָג, ווענן דעם האָט די תורה געהייסן מ'זאָל זיך פרייען מיט די מצוות פון די אַנדערע ימים טובים, בייטאָג פון יום טוב, אָבער די קדושה פון שמיני עצרת איז נאָר דורך די שמחה פונעם מענטש, וואָס ער פרייט זיך מיט'ן אויבערשטען ברוך הוא, און ער שטייט נישט אויף אַ ספּעציעלע מצוה, און ווענן דעם האָבן חז"ל גע'דרש'ענט (סוכה מה.) מרבה צו זיין אַז מ'איז מחויב זיך צו פרייען אויך אין די נאַכט פון שמיני עצרת.

### עננו ביום קראנו - אין דעם טאָג פסק'ענט מען אָפּ די פּרנסה פאַר יעדעם

**חז"ל** זאָגן (ילקוט שמעוני פ' פנחס, רמז תשפב) אויפ'ן פסוק 'ביום השמיני עצרת תהיה לכם', פאַרוואָס דאַרף מען זיך אויפהאַלטן נאָך אַ טאָג? זאָגט רב, עס איז אַ משל צו אַ קעניג וואָס האָט געפּראַוועט אַ יום טוב, זענען געקומען זיינע באַדינער און אים אָפּגעגעבן כבוד. עס זענען געקומען זיינע בני בית און אים אָפּגעגעבן כבוד. האָט די 'מטרונא' זיי געזאָגט ברמז, אַזוי לאַנג ווי ער גייט אָן מיט אייך, קענט איר בעטן אייערע באַדערפענישן פונעם קעניג. דאָס זעלבע טוט די תורה מרמז זיין פאַר די אידן, יעצט קענט איר נאָך בעטן אייערע באַדערפענישן.

**דאָס** מיינט, אַז די טעג פון שמיני עצרת און שמחת תורה, זענען מסוגל אַנצונעמען אַלע תפילות פון אידישע קינדער, און משפיע זיין גוטע השפעות אויפ'ן גאַנצן יאָר הבא עלינו לטובה, ווי דער זוהר הקדוש זאָגט 'כל מה דבעי שאיל ויהיב ליה' - מ'קען בעטן וואס מ'וויל און מ'גיט עס אים.

**ממילא,** טאָר מען נישט פאַרפאַסן דעם שעת הכושר און דעם ספּעציעלן עת רצון, ווייל צוליב די גרויסע ליבשאַפט וואָס ווערט נתעורר ביי דעם אויבערשטען פאַר זיינע ליבע אידישע קינדער, ערפילט ער אַלע זייערע פאַרלאַנגען.

**דער** 'יסוד יוסף' שרייבט (פרק עט) אַז עס איז אַ מנהג ישראל אַרויסצונעמען אַלע ספרי תורה פון ארון הקודש, כדי אַרויסצואַווייזן די גרויסע ליבשאַפט צו דעם אויבערשטען, אַזוי ווי אַ טאַטע וואָס האָט ליב זיין זון, און ער עפנט פאַר אים אַלע זיינע באַהאַלטענע אוצרות, ער האַלט גאָרנישט צוריק פון אים. דאָס זעלבע וויל דער אויבערשטער משפיע זיין אויף אונז אַלע הייליגע אורות, אויף אַן אופן אַז אויך מיר זאָלן זיין 'כלים' גרייט צו באַקומען די קדושה פון הימל, און נישט פוגם זיין ח"ו.

**אַזוי** שרייבט דער גאון רבי חיים פאלאג'י זצ"ל (מועד לכל חי', כה, א) אַז מ'דאַרף זיך זייער שטאַרק אָנשטרענגען צו דאַווענען די תפילות פון שמיני עצרת מיט גרויס כוונה, ווייל אויסער דעם וואָס דער גאַנצער תיקון פון ראש השנה ביז שמיני עצרת ווערט יעצט נשלם, און אַלעם ווענדעט זיך אין דעם טאָג, איז דאָ דערין נאָך אַ זאַך, ווייל פון די אַלע טעג איז נישט דאָ נאָך אַזאַ באַווילינגטער טאָג פאַר דעם אויבערשטען צו הערן די תפילה פון אידישע קינדער מיט אַלעם וואָס זיי בעטן, אַזוי ווי אין דעם טאָג פון שמיני עצרת[נ].

**הרה"ק** רבי אהרן טשערנאָבילער זי"ע האָט געזאָגט, אַז די תפילה פון 'גשם' ביי מוסף פון שמיני עצרת, איז מסוגל פאַר פרנסה.

---

**נ.** הרה"ק רבי מרדכי'לע נאַדבורנער זי"ע פלעגט אנזאגן זיין דעם עולם צו **ענדיגן ספר תהלים אין שמיני עצרת**, ווייל אין דעם טאָג זענען אָפּען די טויערן פון הימל. ער האָט אויך געזאָגט, אַז אַ **בית המדרש וואו מ'ענדיגט**

**דער** ׳ייטב פנים׳ (מאמר שמחת הרגל, אות א) ברענגט אַ טעם פאַרוואָס מ׳דאַווענט די תפילה פון ׳גשם׳ [מ׳בעט אויף גשמיות׳דיגע באַדערפענישן] אין שמיני עצרת, ווייל אין דעם טאָג פסק׳ענט מען אָפּ פאַר דעם מענטש זיין פרנסה.

**זאָגט** דער ׳ייטב לב׳, אַז דאָס איז מרומז אין פסוק (במדבר כט, לה) ׳ביום השמיני עצרת תהיה לכם׳, וואָס חז״ל זאָגן (ביצה כח:) אַז דאָס וואָרט ׳לכם׳ קומט מרבה זיין, ׳לכל צרכיכם׳. דאָס הייסט, אַז דער טאָג איז מסוגל פאַר אַלע גשמיות׳דיגע באַדערפענישן פונעם מענטש.

**דאָס** איז אויך מרומז אין די ווערטער פון חז״ל (סוכה מח.) ׳שמיני רגל בפני עצמו הוא׳. דאָס הייסט, אַז די צייט איז געאייגנעט צו בעטן פאַר די אייגענע באַדערפענישן, אַז דער אויבערשטער זאָל משפיע זיין גוטע השפעות אויך בגשמיות[נא].

**דער** ׳שפתי צדיק׳ (לסוכות) ברענגט אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה״ק בעל ׳חידושי הרי״ם׳ זי״ע, אַז ער האָט נאָכגעזאָגט פון הרה״ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי״ע, אַז ער האָט אָנגעזאָגט פאַר די חסידים אַז שמיני עצרת זאָלן זיי אַלע דאַווענען בציבור און מיט דעם וועלן זיי פאַרעכטן די תפילות וואָס זיי האָבן געדאַווענט ביחידות דורכ׳ן יאָר[נב].

**שישו ושמחו - טאַנצן מיט אַלע כוחות לכבוד די שמחה פון די תורה הק׳**

**עס** שטייט אין ספה״ק ׳יסוד ושורש העבודה׳ (פט״ז) אַז דער וואָס פרייט זיך מיט די תורה אין שמחת

---

**נישט תהלים אין דעם טאָג, זאָל נישט גערופן ווערן אַ ׳נאַדבורנער בית מדרש׳**, ווייל דער זמן איז זייער מסוגל פאַר קבלת התפילות.

**מן הבאר**

הרה״ק בעל ׳שם משמואל׳ זי״ע ברענגט (שמח״ת שנת תרע״ג) אין נאָמען פון הרה״ק רבי העניך מ׳אלכסנדר זי״ע, אַז מ׳דוכנ׳ט נישט שמחת תורה (אין אַסאַך קהילות), ווייל מ׳לייענט אין דעם טאָג ׳וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלוקים את בני ישראל׳, און עס איז אַ ׳בושה׳ פאַר די ברכות פון משה רבינו ע״ה אַז מיר דאַרפן אָנקומען צו די ברכות פון די כהנים (ביים דוכנ׳ען) אין צוגאָב צו משה׳ס ברכות.

פרעגט דער ׳שם משמואל׳, אויב אַזוי, זאָלן די כהנים קיינמאָל נישט דוכנ׳ען, ווייל די ברכות פון משה רבינו ע״ה האָבן דאָך אייביג אַ קיום.

ענטפערט דער ׳שם משמואל׳, **אַז ווען מ׳לייענט די ברכות, יעדעס יאָר שמחת תורה, איז עס גלייך ווי משה רבינו ע״ה שטייט נאָך אַלץ און בענטשט די אידן**, און דעריבער איז נאָר דעמאָלס אַ בושה מוסיף צו זיין אויף די ברכות פון משה רבינו ע״ה (דער ׳שם משמואל׳ גיט צו, אַז עס פעלט אויס פאַר דעם אַז מיר זאָלן זיין ׳כלים׳ וואָס זענען ראוי צו באַקומען די ברכות, ווייל די ברכה איז חל נאָר לויט די הכנה פון דעם מקבל, עיי״ש).

**נא.** הרה״ק רבי יחזקאל׳ע קאָזמירער זי״ע האָט געזאָגט אַ רמז אין די ווערטער פון חז״ל (עירובין נד.) ׳חש בראשו יעסוק בתורה׳. **דער וואָס האָט נישט תשובה געטוהן בשלימות אין ראש השנה** (׳בראשו׳), **קען עס משלים זיין אין שמחת תורה** (׳יעסוק בתורה׳).

דער מונקאַטשער רב, הרה״ק בעל ׳מנחת אלעזר׳ זי״ע, ברענגט (׳שער יששכר׳, זמן שמחתינו, אות יז) אַז ער האָט בקבלה ׳איש מפי איש׳ ביז דעם הייליגן רבי׳ן פון לובלין זי״ע, אַז ער האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון בעל שם טוב הקדוש זי״ע, ׳מפי אליהו הנביא׳, אַז **דער וואָס האָט אין זינען פירוש המילות ביים דאַווענען אין די דריי טעג, הושענא רבא, שמיני עצרת, און שמחת תורה, איז פאַרזיכערט אַז ער וועט אַ גאַנץ יאָר אין זינען האָבן די ווערטער וואָס ער זאָגט אַרויס ביים דאַווענען.**

**נב.** הרה״ק רבי דוד׳ל קאָצקער זי״ע פלעגט פון צייט צו צייט דאַווענען ביחידות (׳סוד ה׳ ליראיו׳). איין יאָר שמיני עצרת האָט זיין טאַטע, דער קאָצקער רבי זי״ע, באַמערקט אַז זיין זון רבי דוד איז נישט אין ביהמ״ד. האָט ער אים געשיקט רופן, און געזאָגט **אַז אין דעם טאָג פאַרזיגלט מען דעם גזר דין פון יעדן מענטש אין דעם ענין פון פרנסה, און כדי זוכה צו זיין בדין דאַרף מען דאַווענען בציבור.** ער האָט געזאָגט אַ רמז, ווייל אויפ׳ן פסוק (דברים

**תורה, איז פאַרזיכערט אַז די תורה וועט זיך קיינמאָל נישט אָפּשטעלן ביי זיינע קינדער און אייניקלעך.** און אַזוי איז געווען דער מנהג פון די גדולים וקדושים, **אַז זיי פלעגן טאַנצן מיט אַלע זייערע כוחות לכבוד די הייליגע תורה**[נג].

---

טז, טו) 'והיית אך שמח', זאָגט די גמרא (סוכה מח.) אַז עס קומט מרבה צו זיין דעם לעצטן טאָג פון יום טוב סוכות (שמיני עצרת) אַז מ'דאַרף זיך אויך פרייען (און ברענגען אַ קרבן שלמים), און די סופי תיבות פון די ווערטער והיי**ת א**'ך שמ'**ח** איז חת"ך, אַזוי ווי דער נאָמען פון דעם מלאך וואָס איז ממונה אויף פרנסה ווי באַקאַנט, אַ רמז אַז דעמאָלס איז דער גמר פון די חתימה איבער פרנסה.

**נג.** עס שטייט אין ספר 'שלמי חגיגה' (געדרוקט אין יאָר תק"נ, דף רצב:) **מיט'ן זיך פרייען מיט די תורה, איז מען מתקן די פגמים פון די נשמה, וואָס מ'האָט פוגם געווען אין דעם כבוד פון די הייליגע תורה, און מ'איז זוכה אויסגעלייזט צו ווערן.**

ער שרייבט ווייטער: אין צוגאָב צו דעם וואָס די ראשונים זאָגן, אַז **דער וואָס פרייט זיך אין דעם היינטיגן טאָג מיט די תורה, איז פאַרזיכערט אַז די תורה וועט זיך קיינמאָל נישט אָפּטוהן פון זיינע קינדער**, און מיר האָבן געזען אַ גרויסן רב וואָס פלעגט זיך זייער שטאַרק פרייען מיט די תורה אין דעם טאָג, און מ'האָט עדות געזאָגט וועגן אים, אַז ביז דריי דורות זענען זיינע קינדער געווען באַקאַנטע תלמידי חכמים און מרביצי תורה איינער נאָכ'ן אַנדערן. אַלע האָבן אויך געוואוסט אַז ער האָט זוכה געווען דערצו, אַדאַנק דעם וואָס **ער האָט זיך געפרייט אין שמחת תורה**, אַ זאַך וואָס מ'האָט נישט געזען ביי אַנדערע גדולי תורה זיי זאָלן אַזוי טוהן. מיט זיין גרויסקייט, האָט ער געטאַנצט מיט אַלע כוחות און מעורר געווען די הערצער פון די מענטשן זיך צו פרייען מיט'ן אויבערשטען, און זאָגן 'שמחו בה' וגילו צדיקים, והרנינו כל ישראל', עכ"ד.

מיר געפינען אין נ"ך (שמואל ב' ו, טז-כג), אַז מיכל, די טאָכטער פון שאול המלך, האָט נישט זוכה געווען צו קינדער ווייל זי האָט געקוקט בבזיון אויף דוד המלך ע"ה ווען ער האָט געטאַנצט פאַר דעם אויבערשטען'ס ארון.

האָט געזאָגט הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זי"ע, מיר ווייסן דאָך אַז 'מדה טובה מרובה'. ממילא, איז פאַרקערט, **דער וואָס טאַנצט מיט אַלע זיינע כוחות לכבוד די תורה, און קוקט נישט אויף זיין אייגענעם כבוד, איז זוכה צו קינדער.** (ספר 'תפארת רבותינו')

מיר ווייסן פון אַ מעשה פון אַ יונגערמאַן פון אונזער חבורה, וואָס האָט געוואַרט לאַנגע יאָרן נאָך די חתונה אויף קינדער. שמחת תורה, האָט ער געטאַנצט לכבוד התורה אויף אַ וואונדערליכן אופן. ער האָט זיך ממש געלאָזט מבזה זיין פאַר'ן כבוד פון די תורה, און ניין חדשים שפּעטער, איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער למזל טוב.

דאָס זעלבע האָט זיך איבערגע'חזר'ט צוויי יאָר שפּעטער שמחת תורה. ער האָט אויך דעמאָלס שטאַרק געטאַנצט לכבוד די תורה, און אויך דעמאָלס האָט ער זוכה געווען צו אַ בן זכר 9 חדשים שפּעטער.

זיינס אַ חבר, וואָס האָט געהערט פון אים וועגן די סגולה, און האָט ליידער אויך נישט געהאַט קיין קינדער, איז שמחת תורה שנת תשע"ז, געגאַנגען דאַווענען אין אַ 'מושב זקנים' וואו מ'האָט אים נישט געקענט, און ער האָט זיך ממש מבזה געווען פאַר'ן כבוד פון די תורה. אויך דער דאָזיגער יונגערמאַן האָט ב"ה געמאַכט אַ ברית פאַר זיין בכור אין חודש תמוז פון יענעם יאָר. זינט די מעשה איז געוואָרן מפורסם, האָט מען שוין געהערט פון מערערע מענטשן וואָס האָבן אַזוי געטוהן. זיי האָבן זיך געלאָזט 'פאַרשעמען' פאַר'ן כבוד פון די תורה, און אויך זיי זענען געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער.

באמת איז דאָס אַלעס נישט געזאָגט געוואָרן דווקא פאַר דעם וואָס טוט זיך לאָזן פאַרשעמען... נאָר יעדער איינער וואָס טוט זיך איבערשטרענגען זיך צו פרייען מיט די תורה **מער ווי ס'איז זיין נאַטור און זיין תכונת הנפש**, איז זוכה געהאָלפן צו ווערן בזרע של קיימא.

מ'קען ברענגען אַ סמך דערצו, פון דעם וואָס עס ווערט געברענגט אין ספר 'שבחי הבעל שם טוב', בזה הלשון: אַמאָל שמחת תורה האָט די הייליגע חבורה פון די תלמידים פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע זיך געפרייט און געטאַנצט אין אַ רינג, און די הייליגע שכינה האָט ממש 'געפלאַקערט' אַרום זיי. אינמיטן טאַנצן האָט זיך צעריסן אַ שוך ביי דעם 'זעירא דמן חבריא' (דעם יונגסטן פון די חבורה), וועלכער איז ליידער געווען אַן אָרימאַן ל"ע. עס האָט אים זייער וויי געטוהן אַז צוליב דעם קען ער נישט מיטטאַנצן מיט'ן עולם, זיינע הייליגע חברים, און זיך פרייען ביי די הקפות בשמחה של מצוה.

**הגה"ק** רבי חיים וויטאל זי"ע ברענגט אין 'שער הכוונות' (דרושי חג הסוכות דף קד.), אַז ער האָט געזען ביי זיין רבי'ן (דער אר"י הקדוש זי"ע), אַז ער איז שטאַרק נזהר געווען אין דעם ענין, אַרומצונעמען די ספר תורה פון פאָרנט אָדער פון אונטן, און טאַנצן און זינגען מיט'ן ספר מיט אַלע זיינע כוחות[נד].

**מפי** השמועה איז מקובל נאָך מער, אַז דער אריז"ל פלעגט אַרומגיין פון איין ביהמ"ד צו די אַנדערע כדי צו טאַנצן מיט די תורה, אין משך פון לאַנגע שעה'ן[נה].

**עס** שטייט אין דעם נוסח התפילה וואָס דער חיד"א זי"ע האָט מתקן געווען, אַז מיט'ן כח פון די הקפות פאַלן אַראָפּ אַלע 'מחיצות של ברזל' (אייזערנע מויערן) וואָס טיילן אָפּ צווישן אונז און אונזער טאַטן אין הימל[נו].

**דער** מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, האָט נאָכגעזאָגט (געברענגט אין ספר 'מדבר קדש') אין נאָמען פון זיין טאַטן, הרה"ק מהר"ש מבעלזא זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט: 'וואָס די ריקודים זענען קען איך אייך נישט זאָגן, אָבער דאָס קען איך אייך יאָ זאָגן, אַז אַלע תפילות וואָס האָבן נישט אַן עליה במשך פון גאַנצן יאָר, גייען אַרויף אין דעם טאָג, דורך די ריקודים'[נז].

**עס** שטייט אין ספה"ק 'בית אהרן' (לפסח, דף צד.), אַז הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע האָט געזאָגט, די שמחה פון די ריקודין אין יום טוב איז אַ גרעסערע

---

בשעת די הקפות, איז געשטאַנען אין אַ זייט (אין 'עזרת נשים') די טאָכטער פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, הצדקנית מרת אדל ע"ה, און זיך צוגעקוקט צו די הייליגע עבודה פון איר טאַטן'ס הייליגע חבריא ביים זיך פרייען מיט די תורה. האָט די רעביצין אדל געזאָגט צו דעם תלמיד וועמענס שוך האָט זיך צעריסן: 'אויב דו וועסט מיר צוזאָגן אַז איך וועל היי יאָר זוכה זיין צו געבוירן אַ בן זכר, וועל איך דיר באַלד ברענגען נייע גוטע שיך'. האָט דער תלמיד איר צוגעזאגט אַ בן זכר, וכן הוה, עס איז יענעם יאָר געבוירן געוואָרן ביי איר אַ זון, דער הייליגער רבי ר' ברוך'ל פון מעזיבוזש זי"ע.

פון דעם זעט מען קלאָר, אַז **אפילו דער וואָס טוט בלויז 'אַרויסהעלפן' אַ צווייטן צו קענען טאַנצן און פרייען זיך מיט די תורה, איז זוכה צו קינדער...** לאָמיר זיך אַלזאָ מאַכן אַ חשבון. דאָ רעדט מען דאָך פון די צדיקת אדל, דעם בעל שם טוב'ס טאָכטער, וואָס אויך איר מאַן (הרה"ק רבי יחיאל אשכנזי זי"ע) איז געווען אַ הייליגער צדיק, פונדעסטוועגן, ווען זי האָט זיך גענויטיגט אין אַ ישועה געהאָלפן צו ווערן בזרע של קיימא, האָט איר געהאָלפן **דייקא דער ענין פון טאַנצן שמחת תורה.**

**נד.** ס'איז באַקאַנט אַז הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע פלעגט שמחת תורה טאַנצן מיט גרויס התלהבות לאַנגע שעה'ן, ממש ביז כלות הנפש. אַמאָל האָט מען אים געפרעגט פון וואו ער נעמט די כוחות הנפש אַזוי שטאַרק צו טאַנצן לכבוד התורה (און דאָס אַלעס, נאָך די הייליגע עבודה וואָס ער האָט געפראַוועט אין די ימים נוראים, ספעציעל אַ טאָג פריער, הושענא רבא, ווען ער האָט מאריך געווען לאַנגע שעה'ן בתפילה ובתחנונים). האָט דער רבי געענטפערט בדרך צחות, די גמרא זאָגט (סוכה מח.) 'שמיני רגל בפני עצמו'... דאָס איז אַ רמז אַז **דער אויבערשטער גיט פאַר דעם מענטש נייע פיס אין דעם יום טוב פון שמיני עצרת און שמחת תורה, ער זאָל קענען טאַנצן לכבוד די הייליגע תורה...**

**נה.** אין ספר 'מעשה רב' (אות רלג) ווערט געברענגט, אַז דער ווילנער גאון זי"ע האָט זיך געפירט אין שמחת תורה, ווען מ'האָט מען אַרומגענומען די בימה מיט'ן ספר תורה זיבן מאָל, איז דער גאון ז"ל געגאַנגען פאָרנט פון די ספר תורה מיט גרויס שמחה, 'וחכמת אדם תאיר פניו כלפיד אש בוערת'. ער האט געפאַטשט מיט די הענט און געטאַנצט מיט שטאַרקע כוחות פאַר די ספר תורה.

**נו.** דער פריערדיגער ליובאַוויטשער רבי, הרה"ק רבי יוסף יצחק זי"ע, האָט נאָכגעזאָגט (געברענגט אין ספר המאמרים, שנת תש"א, ע' 79) אין נאָמען פון זיין טאַטן, הרה"ק רבי שלום בער פון ליובאַוויטש זי"ע, אַז **די 48 שעה פון שמיני עצרת און שמחת תורה, דאַרף מען האלטן זייער טייער. מ'קען יעדע רגע שעפּן אוצרות מיט עמערס און קאָדקעס בגשמיות וברוחניות. און דאָס איז דורך די ריקודים.**

**נז.** איין יאָר שמחת תורה, האָט דער פריערדיגער ליובאַוויטשער רבי, הרה"ק רבי יוסף יצחק זי"ע, געזאָגט, אַז ביי די הקפות קען מען פועל'ן גאָר גרויסע זאַכן, ווייל מ'האַלט די ספר תורה מיט ליבשאַפט, און מ'ווייזט אַז מיר זענען אין דער בחינה פון 'חבוקה ודבוקה בך' [נישט ווי אין די אַנדערע טעג פונעם יום טוב, ווען מ'האַלט די ספר תורה ביי די בימה און מ'טוט איר אַרומרינגלען].

מדריגה, פון די הויבע מדריגות וואָס זענען דאָ ביי תפילה. תפילה רעדט מען מיט'ן מויל, און ווען דער אויבערשטער העלפט אים, שטייט (תהלים קמה, כא) 'תהלת ה' ידבר פי ויברך כל בשר שם קדשו לעולם ועד', אַז עס גייט אַריין אינעם 'פלייש', אָבער ווען מען איז אין אַ העכערע מדריגה, זאָגט דער פסוק (שם לה, י) 'כל עצמותי תאמרנה' וגו'. איך דאַנק דעם אויבערשטען מיט אַלע מיינע ביינער. דאָס זעלבע איז אויך ווען דער מענטש טאַנצט, הייבט ער אויף זיין גאַנצן גוף מיט די שמחה פונעם יום טוב.

**על** דרך רמז, זאָגט דער 'עטרת ישועה' (ד"ה 'במאמרם') אויף די ווערטער פון די משנה (נגעים פ"ב, מ"א) 'בית עגול אינו מטמא בנגעים'. זאָגט דער 'עטרת ישועה', דאָס איז אַ רמז אַז דורך די 'עיגולים' און טענץ וואָס אידן טאַנצן שמחת תורה, זענען זיי מבטל פון זיך אַלע נגעים און פגעים רעים און אַלע צרות און יסורים[נח].

### תחילתה וסופה חסד - דער עיקר פון שמנ"ע און שמחת תורה איז שלום

**דער** הייליגער רוזינער זי"ע זאָגט (עירין קדישין, שמיני עצרת) אַז דער עיקר פון שמיני עצרת און שמחת תורה, איז 'אהבת רעים' באמת, און נאָכלויפן נאָך שלום. דער סימן דערפאַר איז, ווייל ביי רוב וועלט איז שכיח אין דעם הייליגן טאָג, מחלוקת און קריגערייען, און אויף דעם זאָגן חז"ל (שבת לא.) וועגן דעם גר וואָס ער האָט געבעטן פון הלל הזקן, אַז ער זאָל אים מגייר זיין, און אויסלערנען די גאַנצע תורה שטייענדיג 'על רגל אחת' און הלל האָט אים מגייר געווען. ער האָט געזאָגט צו דעם גר, 'דעלך סני לחברך לא תעביד' - דאָס איז די גאַנצע תורה, און דאָס איבעריגע 'זיל גמור'.

**זאָגט** דער הייליגער רוזינער זי"ע, אַז דער גר האָט געוואָלט וויסן און פאַרשטיין דעם סוד פון 'רגל אחת' וועלכע איז מרמז אויף שמיני עצרת, וואָס ווערט גערופן 'רגל' בפני עצמו. אויף דעם האָט הלל אים

---

און דער ליובאַוויטשער רבי האָט עס ערקלערט מיט אַ משל: געוועגליך וועט אַ געוועלבער אַרויסגעבן סחורה אויף באָרג, נאָר פאַר אַ קונה וואָס ער קען אים און ער ווייסט אַז ער באַצאָלט אייביג זיינע חובות. אָבער פאַר מענטשן וואָס צאָלן נישט באַצייטענס, וועט ער פאַרקויפן פון זיינע סחורות נאָר פאַר מזומן, כדי נישט שאָדן צו האָבן געלט.

דער נמשל איז, די טענץ מיט די תורה ווערן אָנגערופן 'הקפות', פון לשון באָרגן, ווייל **יעצט קען יעדער איינער באַקומען גוטע השפעות 'בהקפה' - אויף באָרג**, און אָנפילן זיינע אוצרות מיט אַסאַך סחורה [מסתמא איז די כוונה דערפון, ווייל נאָך די עבודה אין די ימים נוראים איז נישט דאָ קיין איין איד וואָס איז נישט נתעורר געוואָרן אין די טעג צו תשובה. צוליב דעם זענען זיי באַגלייבט אַז מ'זאָל זיי געבן סחורה אויף 'באָרג']. שפּעטער דאַרף אָבער דער מענטש יעדן טאָג באַצאָלן זיינע חובות, דורך דאַנקען און לויבן און מתפלל זיין צום באַשעפער.

**נח.** עס ווערט געברענגט אין ספר 'אמרי פנחס' (שער ד, אות ד), אַז איין יאָר שמחת תורה פאַר די הקפות, האָט הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע געזאָגט צו דעם חסיד הרה"ק רבי רפאל בערשידער זי"ע:

- וויסן זאָלסטו, רפאל, ביז יעצט האָבן מיר געמאַכט הקפות, און מיר האָבן געהאַט אין די הענט גרויסע און שטאַרקע וואָפּענס - די ד' מינים, און יעצט גייען מיר מאַכן די הקפות מיט ליידיגע הענט, ווייל מיט'ן האַלטן די ספר תורה בשעת די הקפות, איז מען דאָך נישט מקיים אַ מצות עשה אַזוי ווי ווען מ'שאָקלט מיט'ן לולב. נו, זאָג מיר, רפאל, וואָס פאַר אַ פנים האָט אַ מענטש אַז ער מאַכט הקפות מיט ליידיגע הענט. נאָר די עצה צו דעם איז, אַז **יעצט זאָל דער מענטש אַליין זיין הייליג מיט די קדושה פון די ד' מינים.** זיין האַרץ זאָל זיין אין די בחינה פון אַן אתרוג, זיין שדרה זאָל זיין אין די בחינה פון אַ לולב, זיינע אויגן זאָלן זיין אין די בחינה פון הדסים, און זיינע ליפּן - אין די בחינה פון אַן ערבה. דעמאָלס קען דער מענטש נעמען די ספר תורה, און טאַנצן און זיך פרייען מיט איר...

ווען דער חסיד רבי רפאל זצ"ל האָט געהערט די ווערטער פון זיין הייליגן רבי'ן רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע, זענען געגאָסן טייכן טרערן פון זיינע אויגן, וויסנדיג אַז ער האָט נאָך נישט משיג געווען אט די קדושה. האָט הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער אים געזאָגט בזה הלשון 'בדרך שחוק מעט': 'וויין נישט, רפאל, וויין נישט. דיך וועל איך מיטנעמען אויף מיינע פּלייצעס'...

געענטפערט, 'דעלך סני לחברך לא תעביד'. ביי די הקפות שמחת תורה, דאַרף מען בעיקר מקפיד זיין אויף דעם, אָפּצוגעבן כבוד פאַר יעדן איינעם מער ווי עס קומט אים, און אַוודאי געוויס נישט צו טשעפּען חלילה מיט אַנדערע מענטשן, ווייל דאָן איז 'יצא שכר בהפסדו' [נט].

**מ'האָט** אַמאָל געפרעגט דעם 'חפץ חיים' זי"ע, וואָס איז דער סוד פון די הקפות. האָט דער 'חפץ חיים' געענטפערט, ווען די ביזט איבערגעדעקט מיט'ן טלית, דו ביזט בדביקות מיט די ספר תורה, זאָלסטו זיך אַכטונג געבן נישט צו טרעטן אויף די פיס פון דיין חבר, ווייל ווען דו זעסט נישט, ווייסטו קיינמאָל נישט וועמען איבערצובעטן. און דאָס איז דער סוד פון די הקפות אין שמחת תורה [ס].

**דאָס** שטימט טאַקע מיט די ווערטער פון דער גמרא (סוטה יד.) 'תורה תחילתה גמילות חסדים, וסופה גמילות חסדים' [סא]. אין אָנהייב פון דער תורה ווערט דערציילט אַז דער אויבערשטער האָט געמאַכט 'כתנות עור' (לעדערנע העמדלעך) פאַר אדם הראשון און זיין ווייב חוה. ביים סוף פון דער תורה ווערט דערציילט, אַז דער אויבערשטער כביכול אַליין האָט באַגראָבן משה

---

**נט.** אַמאָל איז אַ איד געווען אַלס גאַסט ביי דעם גאון רבי חיים עוזר גראָדזענסקי זצ"ל פון ווילנא. דער גאון האָט אים אויפגענומען פריינטליך, און איינגעלאַדן דעם אורח אַריינצוקומען אין סוכה עסן דאָרט די סעודת יום טוב. רבי חיים עוזר זעלבסט, האָט זיך אַנטשולדיגט פאַר דעם אַז ער האָט זיך זייער פאַרקילט, און חז"ל זאָגן דאָך (סוכה כה:) 'מצטער פטור מן הסוכה'. איז דער גאַסט אַריינגעגאַנגען אין סוכה, עסן די סעודה. אַ קורצע צייט שפּעטער איז רבי חיים עוזר פלוצלינג אַריינגעקומען אין סוכה איינגעהילט אינעם מאַנטל. האָט דער גאַסט זיך געוואונדערט דערויף, ווייל דער גאון האָט דאָך ערשט געזאָגט אַז ער שפּירט זיך נישט גוט און ער איז אַלזאָ פטור פון עסן אין סוכה. האָט רבי חיים עוזר אים געזאָגט:

- ריכטיג טאַקע, מצטער פטור מן הסוכה, אָבער אין **דער מצוה פון הכנסת אורחים, איז דאָך אַ מצטער אויך מחויב...**

די דערמאָנטע עובדא, פלעגט דערציילן הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, און ער פלעגט לויט דעם זאָגן בדרך צחות, אַז צוליב דעם געפינען מיר אַז די צדיקים אין אַלע דורות זענען נישט אַרויסגעגאַנגען פון סוכה אויך ווען עס האָט גערעגנט, ווייל זיי האָבן דאָך געהאַט אין דער סוכה געסט - די הייליגע אושפיזין. דער רעגן פּטר'ט טאַקע דעם מענטש פון מצוות סוכה, אָבער נישט פון מצוות הכנסת אורחים... פון דעם לערנען מיר, אַז **ביי מדות, איז נישט דאָ דער פטור פון 'מצטער'.**

**ס.** מ'דערציילט, אַז דער גאון רבי יהושע לייב דיסקין זי"ע גאב"ד בריסק וירושלים, האָט איין יאָר שמחת תורה נאָך די הקפות, באַפוילן צו טאַנצן נאָך אַמאָל די הקפות. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, 'מה היום מיומים', פאַרוואָס האָט דער רב באַפוילן איבערצוטאַנצן די הקפות. שפּעטער, האָט זיין זון דערציילט, אַז ער האָט געבעטן דעם טאַטן ער זאָל אים אויסזאָגן דעם 'סוד' פאַרוואָס ער האָט געהייסן איבערטאַנצן די הקפות. האָט רבי יהושע לייב אים געענטפערט, וויבאַלד ס'איז אָנוועזנד געווען ביי די הקפות אַ חשוב'ער איד, אַ תלמיד חכם, וואָס מ'האָט אים נישט מכבד געווען מיט אַ הקפה לפי כבודו, און רבי יהושע לייב האָט געזען אין דעם אַ בזיון התורה. דעריבער האָט ער געהייסן מ'זאָל איבערטאַנצן מיט די ספרי תורה, **כדי מ'זאָל קענען מכבד זיין יענעם תלמיד חכם**, אָן דעם וואָס מ'זאָל מאַכן אַ עסק דערפון, דורך מפייס זיין יענעם תלמיד חכם, ווייל צומאָל מאַכט דער פּיוס נאָך גרעסער די פגיעה.

**סא.** אין די יאָרן ווען הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע האָט נאָך געוואוינט אין דער שטאָט זוועהיל אין רוסלאַנד, איז אַמאָל אין שמיני עצרת אָדער שמחת תורה, אָנגעקומען אין שטאָט אַ שמועה, אַז די רוסישע אַרמיי איז אַריינגעקומען אין שטאָט. אין דער אַרמיי האָבן אויך געדינט אַסאַך אידישע זעלנער, וועלכע זענען געווען הונגעריג, נישט האָבנדיג געגעסן שוין אַ לענגערע צייט. האָט הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע געזאָגט צו הגה"ח ר' יוסף קאָזשליק ז"ל, ער זאָל נעמען אַ זאַק אין האַנט, און אַרומגיין איבער די אידישע הייזער פון שטאָט, כדי צוזאַמענצונעמען עסן פאַר די אידישע סאָלדאַטן. האָט ר' יאָסל געזאָגט, אַז באַלד נאָך דעם ווי מ'וועט ענדיגן טאַנצן די הקפות, וועט ער אַזוי טוהן. דער צדיק רבי שלמה'קע האָט אָבער נישט מסכים געווען דערצו, און געזאָגט צו ר' יאָסל:

- **די הייליגע תורה וועט זיך פרייען, אויך אָן דיר... אָבער די אידישע סאָלדאַטן זענען דאָך שוין יעצט הונגעריג, און זיי דאַרפן זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ.**

רבינו ע"ה, און ווענן דעם איז 'דרך ארץ קדמה לתורה', ווייל איינם אָן דעם צווייטן איז גאָרנישט ווערד.

מיר האָפען און זענען מתפלל, אז מיר זאָלן זוכה זיין צו אַ גוט קוויטל, לשנה טובה ומתוקה, און פון דעם חודש - 'ירח האיתנים' - וואָס איז 'תקיף במצוות', זאָל נשפע ווערן אויף אונז אַ גרויסע שפע, אורך ימים ושנות חיים, בבריות גופא ונהורא מעליא, בביאת משיח צדקינו מתוך רחמים וחסדים והשפעות טובות, אמן.

ר' יאָסל האָט זיך טאַקע נישט פאַרזוימט אַ מינוט, און האָט זיך תיכף ומיד אַרויסגעלאָזט איבער די אידישע הייזער פון זוועהיל, צוזאַמענעמעמען עסן פאַר די אידישע סאָלדאַטן, אַזוי ווי דער רבי האָט באַפוילן. ווען ער איז צוריקגעקומען אין שול מיט'ן זאַק פול מיט עסן, האָט דאָס הייליגע פנים פון רבי שלמה'קע זי"ע אויפגעשיינט. ער האָט אַרויפגעלייגט דעם זאַק אויף זיינע אַקסל, און אָנגעהויבן טאַנצן מיט'ן זאַק, מאכנדיג די הקפות אַרום דעם שולחן... אָט אַזוי חשוב איז אין רבי שלמה'קעס הייליגע אויגן געווען דער כבוד פון אידישע קינדער, און די זאָרג פאַר זייערע באַדערפענישן.

# האדרת והאמונה לחי עולמים

איינע פון די יקירי ירושלים, הרה"ח ר' יהושע ווייסמאן ע"ה, איז סוף ימיו אַרויפגעקומען קיין ארץ ישראל פון דייטשלאַנד, און ער האָט דערציילט ווי פאָלגענד:

ער איז געבוירן אין ירושלים, וואו זיינע עלטערן האָבן געוואוינט אין דער 'נחלת שבעה' געגנט, וואו זיין פאָטער איז געווען דער שמש אין שול. אין יאָר תרמ"ב, האָט אויסגעבראָכן אַ מגיפה רח"ל אין ירושלים, און זיין טאטע איז נפטר געוואָרן רח"ל. אַ צייט שפעטער, איז ליידער אויך זיין מאמע נפטר געוואָרן פון די מגיפה רח"ל. אַזוי איז ר' יהושע געבליבן אַ יתום מאב ואם ל"ע.

זיין פעטער - אַ ברודער פון זיין מאמע - איז געקומען צו פאָרן פון דייטשלאַנד קיין ארץ ישראל, כדי אים צו נעמען צו זיך אהיים וואו ער וועט אים ערציען. וויבאַלד דער פעטער איז געקומען קיין ארץ ישראל פאַר יום טוב סוכות, איז ער חול המועד סוכות אַרומגעגאַנגען צו די גדולים פון ירושלים, מיט זיין פלימעניק דעם יתומ'ל יהושע, כדי ער זאָל זען די גדולי ירושלים איידער ער פאָרט מיט אים קיין דייטשלאַנד.

שמחת תורה, זענען זיי אַריבערגעגאַנגען צו דער אַלטשטאָט, כדי זיך צו באַטייליגן ביי די 'הקפות' ביי דעם גאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל גאב"ד ירושלים. רבי יוסף חיים פלעגט טאַנצן מיט די קינדער 'אין כאלוקינו', און דאָס האָט אַסאַך מאָל געדויערט לאַנגע שעה'ן.

האָט ר' יהושע ווייסמאַן דערציילט, אַז ווען רבי יוסף חיים האָט אים באַמערקט צווישן די קינדער, און וויסנדיג אַז ער איז אַ פרישער יתום ל"ע פון טאַטע-מאַמע, האָט ער אים גענומען און אנגעהויבן טאַנצן מיט אים 'אין כאלוקינו'. דער ניגון איז געווען אויף אידיש, וואָס קודם זאָגט מען **'אין כאלוקינו'**, דערנאָך פרעגט מען **'מי כאלוקינו'**, און די קינדער האָבן געדאַרפט ענטפערן, **'אתה הוא אלוקינו'**. דאַן האָט רבי יוסף חיים אפגעשטעלט דאס טאנצן און געפרעגט דאָס קינד, יושע'לע, פאַרוואָס שרייט מען קודם דעם תירוץ - 'אין כאלוקינו', און דערנאָך פרעגט מען די קשיא - 'מי כאלוקינו'? דאָס קינד יהושע'לע האָט נישט געוואוסט וואָס דער רב וויל האָבן פון אים... האָט רבי יוסף חיים אים געזאָגט:

- יהושע'לע, איך וואַרט נישט פון דיר אַן ענטפער, נאָר איך וועל זאָגן דעם תירוץ... וויסן זאָלסטו, ס'זענען דא מענטשן וואס זייער ארבעט איז, זיי זוכן אַנטיקן און ווערדפולע מאטריאל אין לאַנגע טונקעלע היילנאינטער די ערד. כדי זיי זאָלן נישט בלאָנדזשען ווען זיי ווילן אַרויסגיין, שטעלן זיי אראפ ווייסע

שטיינדלעך אין די זייטן, און אזוי מאכן זיי אַ וועג (אַ 'שביל'), כדי אַז ווען זיי וועלן ענדיגן זוכן די אַנטיקן, און וועלן שוין וועלן פאַרלאָזן די הייל, וועלן זיי גיין נאָך דעם 'שביל', און אַזוי קענען זיי וויסן דעם וועג אַרויס פון דאָרט.

דאַן האָט רבי יוסף חיים זצ"ל אויסגעפירט:

**- יהושע'לע, געדענק. די וועלט איז ווי אַ לאַנגע טונקעלע הייל... מ'זוכט דאָ 'אַנטיקן', און זוכנדיג קען מען חלילה אָנהייבן צו פרעגן, 'וואו, וואָס, ווען'... 'מי כאלוקינו', און דורך דעם קען מען ח"ו אָנקומען צו כפירה רח"ל. איז די עצה פאַר דעם, דאָס ערשטע ווען מ'גייט אַריין אין די הייל, דאַרף מען אויסשטעלן די 'שטיינדלעך', די 'סימנים', אַז 'אין כאלוקינו'! שפעטער, אַז מ'ווייסט אַז קיינער איז נישט אַזוי גרויס ווי דער באַשעפער, און עס פאסירט אז מ'פרעגט 'מי כאלוקינו'... וועט מען געדענקן און קענען נאכגיין די וועג ארויס פון די הייל...**

און רבי יהושע האָט אויסגעפירט: איך האָב איבערגעלעבט אין דייטשלאַנד די ערשטע וועלט מלחמה, און דערנאָך ביי די צווייטע וועלט מלחמה בין איך געווען אין די לאַגערן, וואו איך האָב ליידער פאַרלוירן מיין ווייב און קינדער רח"ל, און נאָר דער געדאַנק אַז 'אין כאלוקינו', וואָס רבי יוסף חיים האָט 'אַריינגעבלאָזן' אין מיר, האָט מיך געהאַלטן ביי די אמונה!